STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04412

YUDISHE FOLKSLIEDER

Y. L. Cahan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Floyd, Marcia, Seth and Debra Tuler
in memory of
Jack Tuler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע פאלקסליעדער

Yiddish Folksongs

with their original airs

collected from oral tradition

by

J. L. Cahan

VOL. I

New York
YIDDISH LITERARY PUBLISHING CO., Inc.
1920

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק

יודישע פאָלקסליעדער

מיט מעלאָדיען

אוים דעם פאָלקס-מויל געזאמעלט

— פון —

י. ל. כהן

ערשטער באנד.

ארויסגעגעבען פון
ליטעראַרישער פערלאַג
ניו-יארק.
1920

Copyright, 1912
by
The International Library Publishing Co.

Das Licht alter Zeiten wird ein Gesang neuer Zeiten werden.

J. G. HERDER.

* * *

Dergleichen Gedichte sind so wahre Poesie, als sie irgend nur sein kann.

J. W. GOETHE.

* * *

Die innere Geschichte eines Volkes ist in seinen Liedern enthalten.

JELLINEK.

* * *

Поэзія народа ярко и рельефно изображаетъ намъ тотъ потаенный внутренній міръ народной жизни, куда не вводитъ насъ ни перо трудолюбиваго историка, ни проницательный глазъ бытописателя.

И. Г. ОРШАНСКІЙ.

736182

אינהאלט פון ערשטען באנד

ליעבעם-ליעדער

	איינלייטונג........................	V—LX
I	יונגע ליעבע	3— 79
II	אבשיעדס־ליעדער	81—112
III	אונטרייע און אונגליקליכע ליעבע	113—189
IV	פארפיהרטע	191—210
V	ערצעהלענדע און באלאדען־ארטיגע ליעדער	211—243

א פולער אלפאבעטישער פערצייכניס פון די ליעדער געפינט זיך צום סוף פון צווייטען באנד.

ליעבעס-ליעדער

(1—1)

איינלייטונג.

די ליעדער, וועלכע געפינען זיך אין דער פאָרליעגענדער זאמלונג זענען עכטע פאָלקסליעדער, פאָלקסליעדער אין פולען זינן פונ׳ם וואָרט. זיי ווערען יעצט צום ערשטען מאָל פערעפענטליכט, נאָכדעם ווי זיי האָבען פיעל יאָהרען אומגעוואנדערט צווישען פאָלק, ווי א געהיימנים, ווי א שטילער סוד פערבאָרגען פון דער אויסערער וועלט, און איבערגעהענדיג פון מויל צו מויל, פון מוטער צום קינד האָבען זיי זיך אויף אזא אופן ערהאלטען אינ׳ם פאָלקס־זכרון ביז אויף היינטיגען טאָג. דורך פיעל מיה, אָבער גענוספולער ארבייט און אין משך פון פיעל יאָהרען איז מיר געלונגען צוזאַמען צו קלייבען נור א גאנץ קליינעם טייל, פון דעם רייכען יודישען ליעדער־אוצר, וואָס ליעגט נאָך אינ׳ם פאָלקס־מויל פערבאָרגען.

דער הויפטקוואל פון די דאָזיגע פערבאָרגענע אוצרות פון דער יודישער פאָלקספאָעזיע איז רוסלאנד. דאָרט, אונטער פערשיעדענע צייטען און אומשטענדען, און אין משך פון הונדערטער יאָהרען זענען די דאָזיגע אלטע, און דאָך אייביג יונגינקע ליעדעלעך פונ׳ם פאָלק גופא געשאפען און געזונגען געוואָרען, נאטירליך בייטענדיג אלע מאָל פאָרם און אינהאלט. אפילו נאָך היינט, בעת די פיעלע קונסטמעסיגע, טהעאטראלע, רעוואָלוציאָנערע און נאציאָנאלע ליעדער האָבען שוין כמעט אין גאנצען פערטריבען פון פעלד די פאָלקסטימליכע ליעדער פון אונזערע בעקאנטע פאָלקס־דיכטער ווי, בעריל בראָדער, וועלוויל זבאראזשער, מ. גארדאן, ש. בערנשטיין, א. גאָלדפאדען, א. צונזער און אנדערע; אפילו נאָך היינט, ביי די גרויסע ענדערונגען וואָס איז אין די לעצטע יאָהרען פאָר־

געקומען אין דעם לעבען פון די רוסישע יודען, געפינען זיך נאָך פון דעםטוועגען אזעלכע ווינקעלעך, פערוואָרפענע שטעדטעלעך אין דעם יודישען „תחום“, וואו דאָס עכטע פאָלקסליעד שפּיעלט נאָך א היבשע ראָלע. דאָרט, וואו די אַלטע לעבענס-בעדינגונגען האָבען זיך נאָך נישט געביטען, און דאָס מאָדערנע קולטור-לעבען האָט נאָך אהין נישט אריינגעדרונגען; דאָרט, וואו דער גייסט פון דער נייערער צייט האָט נאָך נישט דערגרייכט די אונטערשטע שיכטען פונ׳ם פאָלק, — דאָרטען לאָזט זיך נאָך גאַנץ אָפט הע־רען דער שטילער, זיס-אומעטיגער טאָן פון דעם יודישען פאָלקס־געזאַנג, דאָרטען הערשט נאָך דאָס עכטע פאָלקסליעד אין איהר פולען גלאַנץ און פּראַכט.

אמת, אין די גרעסערע שטעדט, וואו דאָס לעבען איז פיעל קאָכיגער און בעוועגליכער און וואו די יודישע פאָלקסמאַססע גע־פינט זיך שוין אויף א העכערער קולטור־מדרגה, דאָרטען האַלט שוין דאָס עכטע פאָלקסליעד ביים אָבשטאַרבען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט עס אָבגעווישט פונ׳ם פאָלקס-זכרון און פער־געסען; אַלץ זעלטענער און זעלטענער הערט זיך איהר שטילער, אומעטיגער קלאַנג, און מיר שיינט, עס וועט פיעל נישט נעהמען און אונזער עכטעס פאָלקסליעד וועט זיין א זאַך פון דער פער־גאַנגענהייט.

פאַר די יעניגע, וואָס זענען נישט פיעל בעקאַנט מיט דעם ענין קען זיך אויסדוכטען, אז די לעצטע בעהויפּטונג איז א ביסעל איבערטריבען. דאכט זיך יעדען טאָג — וועט מען איינווענדען — ווערען געשאפען אין אונזערע טהעאטערע און פון „סתם“ דיכטער, אַלץ נייע און נייערע פאָלקסליעדער, וועלכע ווערען אויפגעחאַפּט פונ׳ם עולם און געזונגען אָהן אן אויפהער. ווייטער, די עלטערע פאָלקסליעדער זענען דאָך אָבגעדרוקט אין הונדערטער אויסגאַבען, אין ביכער און ביכלעך און ווערען נאָך היינט אויך זעהר פיעל און איבעראַל געזונגען. נו, טאָ ווי קען עס געמאָלט זיין, אז אונזע־רע פאָלקסליעדער זאָלען האַלטען ביים אָבשטאַרבען?

אין אמת׳ן, זענען אָבער די אלע אויבענדערמאָנטע ליעדער און אפילו אויך די יעניגע, וואָס טראָגען אויף זיך דעם שרייענדען טיטעל: „יודישע פאָלקסליעדער“, לחלוטין נישט קיין פאָלקסליעדער אין דעם ריכטיגען זינן פונ׳ם וואָרט.

„ביי אונז“ — פאָלעמיזירט אונזער בעריהמטער שלום עליכם מיט א געוויסען מוזיק־קריטיקער יולי ענגעל, — „ביי אונז ווערען אנגערופען מיט׳ן נאָמען פאָלקסליעדער, אלע ליעדער וואָס זענען געשריעבען אין דער פראָסטער יודישער פאָלקסשפראכע, וואָס מע רופט זי זשארגאָן און וואָס זענען ארויסגעגעבען פאר׳ן פאָלק. נישט מעהר ס׳איז א טעות הדפוס, וואָס איז אנגענומען געוואָרען פון כמה יאָהרען; אנשטאָט ליעדער פאר דאָס פאָלק, שרייבט מען פאָלקסליעדער.“

פיעל בעסער איז די דעפינירונג פון ה׳ ענגעל. נאָך זיין מיינונג זענען פאָלקסליעדער: „געוויס אזעלכע ליעדער וואָס זענען איבערגעגאנגען צום פאָלק פון אונבעקאנטע מחברים פון אלטע, לאנג פערגעסענע צייטען, אָדער זיי זענען געשריעבען טאקי איצט כמעט פאר אונזערע אויגען, נור זיי האָבען זיך ווייט פערברייטעט צווישען פאָלק צוליעב זייער פאָלקס־כאראקטער (נוסח)“.*)

מען דארף אָבער נישט פערגעסען, אז דאָס פאָלק קלייבט נישט איבער אין דעם, וואָס עס איז און וואָס עס איז נישט קיין פאָלקסליעד. עס זינגט אלץ, וואָס עס לאָזט זיך און וואָס עס קען נור געזונגען ווערען, און עס וואָלט געווען א טעות אָנצורופען אלע ליעדער, סאי אלטע, סאי נייע, וועלכע ווערען געזונגען פונ׳ם פאָלק — פאָלקסליעדער; און נאָך מעהר טעות וואָלט געווען צו בעהויפטען, אז ליעדער ווערן ווייט פערברייטעט צווישען פאָלק נור דערפאר, ווייל זיי זענען געשריעבען אין דער „פראָסטער פאָלקסשפראך“, אָדער צוליעב זייער פאָלקס־כאראקטער. ווען מיר זאָלען נעהמען, צום ביישפיעל, עדעלשטאדט׳ס און ווינטשעווסקי׳ס

*) זעה די צייטשריפט „דער יוד“ קראָקוי, 1901. נומ. 42, 40.

ליעדער, וועלכע בעזיצען געוויס נישט די איבענדערמאַנטע מעלות, פון דעסטוועגען זענען זיי ווייט פערברייטעט צווישען פאָלק און ווערען היינט איבעראַל געזונגען; און דאגעגען רייזען'ס ליעדער, וועלכע זענען געשריעבען אין דער אמת'ער פאָלקסשפּראַך און דאָס רוב עכט פאָלקסטימליך, און דאָך ווערען זיי כמעט אין ערגעץ נישט געזונגען.

וואָס־זשע איז די אורזאַך דערפון?

מיר שיינט, אז דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס מאכט פּאָפּולער אלע מינים ליעדער און פערברייטעט זיי ווייט צווישען פאָלק, איז די מעלאָדיע.

ביים פּשוט'ן עולם שפּיעלט די מעלאָדיע אָדער דער נגון זין א ליעד זעהר א וויכטיגע ראָלע, און טיילמאָל נאָך מעהר ווי דאָס ליעד גופא. פארהאן צווישען פאָלק אזעלכע, וואָס האפען אויף נור די מעלאָדיע פון א ליעד, האָבען ליעב אין דער שטיל זיך אונטער־צוברומען עפּעס א נגון, אָדער „א גלגול פון א נגון", ווי פּרץ דריקט זיך אויס. א ליעד, וואָס ווערט בעשאפען אין דער בעגלייטונג פון א מעלאָדיע, מעג עס אפילו זיין א מאָדערנע קונסט־ליעד, האָט אלזאָ די מעגליכקייט אין א גאנץ קורצער צייט צו ווערען פּאָפּולער און פערשפּרייט, זאָגאר צווישען אזעלכע שיכטען פונ'ם פאָלק, וואו מען הויבט גאָר נישט אָן צו פערשטעהן זיין אינהאלט.

אן עכטעס פאָלקסליעד איז אָבער נישט נור איינפאך און פערשטענדליך פאר יעדען איינציגען פונ'ם פאָלק, נור וואָס עס איז דער עיקר, פונ'ם פאָלק גופא געשאפען געוואָרען, און פאָלק־ליך דריקט עס אויך אויס אין א נאטירליכער, נישטגעקינסטעל־טער פאָרמע זיין אלגעמיינעם כאראקטער, און שפּיעגעלט אָב די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון דער קאָלעקטיווער פאָלקס־נשמה. אן עכטעס פאָלקסליעד קען נישט געלעזען, רעציטירט אָדער דע־קלאמירט ווערען; עס מוז נור געזונגען ווערען, ווייל עס איז צו־זאמענגעוואקסען מיט דער מעלאָדיע, ווי גוף און נשמה, וואָס קענען איינס אָהן דאָס אנדערע נישט עקזיסטירען.

איך נעהם אָן דעם כלל: פאָלקסליעדער אָהן מעלאָדיען, זענען האלבע פאָלקסליעדער.

מען דארף זיך אָבער נישט פאָרשטעלען, דאָס פלוצלונג זענען פונ׳ם פאָלק ארויסגעשפּרונגען ליעדער, אָדער אז פיעלע האָבען עס צוזאמען געשאפען. נאטירליך שטאמען די דאָזיגע ליעדער פון איינצעלנע אונבעקאנטע דיכטער, אָדער פאָלקסזינגער, וועלכע האָבען נישט בדעה דורך זייערע שאפונגען צו מאכען זיך א נאָמען, בעקאנט צו ווערען פאר דער וועלט; קיינער וויים נישט פון זיי און קיינער פרעגט זיך אויף זיי נישט נאָך, זיי זינגען פאר זיך און פאר אלעמען און געהערען צו אלעמען. דער אונבעקאנטער פאָלקס־דיכטער שטעהט נישט העכער פון דער אלגעמיינער מאסע, ער לעזט נישט קיין ביכער און קען זיינע געדאנקען נישט אויסדריקען דורך שריפטצייכען; די אידעען און וועלט־אנשויאונגען פון די העכערע פאָלקס־שיכטען זענען פאר איהם לחלוטין פרעמד; זיין קוק אויף דער וועלט איז דערזעלבער ווי פון זיינע פאָלקס־גענאָסען; ער שעפּט זיינע געדאנקען אונמיטעלבאר פון דעם ארומיגען לעבען, פון דעם פאָלקס־מויל און פון זיין אייגענער נשמה. ער איז אלזאָ איינער פון דער מאסע מיט א פּאָעטיש בעגאבטע נאטור, אָבער נישט קיין דיכטער פון בערוף, און מען דארף איהם נישט פערבייטען אויף דעם פּראָפעסיאָנעלען בדחן אָדער מארשעליק, דעם פרעהליך־מאכער אויף חתונות און ברית׳ן, וועמעס ליעדער בעשטעהען דאָס רוב פון אָבגעדראָשענע פשט׳לעך, געשמאקלאָזע וויצען און גראמען, וואָס פערשווינדען גלייך מיט דעם פרעהליכען חתונה־עולם און האָבען ביים פאָלק קיין קיום נישט. אָבער דאָס, וואָס דער אמת׳ער פאָלקסדיכטער שאפט, איז נאטירליך, נישט געקינסטעלט, נאאיוו, אָבער טיעף דורכגעפיהלט. זיינע ליעדער געהען איבער צום פאָלק מינדליך, זייער עקזיסטענץ איז אָבהענגיג פונ׳ם פאָלקס־זכרון, און עס פערשטעהט זיך, אַז אזעלכע ליעדער קענען אויך מיט דער צייט פערגעסען ווערען. בלייבען אָבער איבער אין פאָלקס־מויל איינינע סטראָפען, פערזען אָדער אפילו מעלאָדיען

פון אלטע לאנג פערקלונגענע ליעדער, דיענען זיי פיעל מאָל אל[…] בוי־מאַטעריאַל פאר נייערע געזאנגען.

דאָס עכטע פאָלקסליעד ווערט ארויסגעזונגען פון דעם טיע[…] עמפפינדליכען פאָלקסגעמיט אין פערשיעדענע צייטען פון גליק א[…] אונגליק, פרייד און טרויער, צער און צאָרן, ליעבע און האָפּענו[…] א. ז. וו. ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען ענטשטעהען ליעדע[…] אָט קומט אויף, צ. ב., א נייער וואַלצער, א קאדריל, א „שעהר[…] אָדער א פּאָלקע, אָדער אזוי א מעלאָדיע, וואָס איז ערגעץ־וואו גע־ שפּיעלט געוואָרען אויף א חתונה, אָדער פון א שפּיעל־קאסטען אויף'ן גאַס. עס געדויערט נישט פיעל און די מעלאָדיע ווערט שנעל פערברייטעט צווישען פּאָלק, איבעראַל ווערט עס געשפּיעלט, גע־ זונגען און אונטערגעברומט אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז עס ענט־ שטעהט א ליעד. און דאָס איז נישט סתם אזוי זיך א ליעד, „גראַם שטראַם“, ווי געוויסע בדחנים זינגען, נור טאקע אן אמת'ע פּאָלקסליעד מיט אן אינהאַלט, מיט הארץ און געפיהל:

שפּיעלט־זשע מיר דעם נייעם שעהר,
וואָס איז ארויסגעקומען;
כ'האָב מיך פערליעבט אין אַ מיידעלע, אַ שעהנע,
און קען צו איהר נישט קומען.

כ'וואָלט צו איהר געקומען,
זיצט זי זעהר ווייט;
כ'וואָלט איהר אַ קוש געגעבען,
שעם איך מיך פאַר לייט;

ניט אַזוי פאַר לייט,
ווי פאַר גאָט אַליין.
איך וואָלט מיט איהר פאַרבראַכט די צייט,
אַז קיינער זאָל נישט זעהן.*)

*) די מעלאָדיע צום ליעד האָב איך אויך דאָ, אין ניו יאָרק גע־ הערט אויף אַ חתונה. זעה באַנד 1, ז. 19.

א טייל ליעדער ווערען ארויסגערופען דורך אָן אונגעוועהנלי־כע סיבה, וואָס טרעפט זיך אמאָל ערגעץ אין א קליין שטעדטעל, וואו עס איז צ. ב. ענטדעקט געוואָרען א ליעבעס־געהיימנים פון א בחור מיט א מיידעל, אָדער א חתן־בחור איז דערטרונקען גע־וואָרען אינ'ם טאָג פון זיין חופה, און נאָך אזעלכע עהנליכע פאסי־רונגען, וועלכע רודערען אויף דעם שטילען, מאָנאָטאָנעם פאָלקס־לעבען. ביי אזא געלעגענהייט בעשאפט דער פאָלקס־דיכטער א ליעד, אין וועלכער עס ווערט בעזונגען דאָס גאנצע עראייגנים מיט אלע פּרטים. פּלוצלונג, קיינער ווייס נישט פון וואנען און פון ווע־מען, העבט אָן צווישען פאָלק צירקולירען א ליעד מיט א נייע, אָדער שוין פון פריהער אלגעמיין בעקאנט מעלאָדיע, וועלכע פאנגט זיך אָן צ. ב. אזוי:

א מאָטיוו, מענטשען, וועל איך אייך זינגען,
וואָס האָט זיך געטראָפען דאָ ניט ווייט:
ס'איז דערטרונקען געוואָרען א בחור, א פער'קנס'טער,
און דערצו נאָך א גאַנץ גרויסער לייט*).

באלד ווערט דאָס ליעד אויפגעהאפט און געזונגען פון קליין און גרויס, פון יונג און אלט, און א דאנק דער מעלאָדיע ווערט עס אזוי גיך פערשפּרייט און פּאָפּולער, דאָס אין א גאנץ קורצער צייט נעהמט שוין דאָס גאנצע פאָלק אנטייל אין דער בעארבייטונג פונ'ם ליעד. יעדער איינער זינגט עס ווי ער פיהלט און פערשטעהט און ווי זיין הארץ געלוסט. און גאָר אונבעמערקטערהייד, מיט אָדער אָהן וועלכער נישט איז כונה, ווערען ארויסגעלאָזען אָדער צוגעגע־בען אנדערע ווערטער און אויסדריקע, עס ווערען אריינגעפלאָכטען גאנצע סטראָפען פון אנדערע ליעדער, עס פערמישען זיך און ס'ווע־רען פערביטען פערזען און גראמען, עס בייט זיך אפילו די מעלאָ־דיע, און ביסלעכווייז, פערענדערט זיך אויף אזא'ן אופן אין גאנצען דער אינהאלט און האראקטער פונ'ם ליעד; עס

*) באַנד 1, זייטע 226.

פערלירט אין גאנצען דאָס אינדיווידועלע פון איהר אורשפּרינג־ליכען מחבר און עס נעהמט אָן אַלע אייגענטימליכקייטען פון דעם קאָלעקטיווען פאָלקס־כאראקטער. אויף אזא׳ן אופן ווערט עס דער פּראָדוקט און דאָס אייגענטום פון דעם גאנצען פאָלק — אן עכטעס פאָלקסליעד.

דאָס ליעד בלייבט אויך נישט שטענדיג אויף דעמזעלבען ארט, וואו עס איז געשאפען געוואָרען. עס וואנדערט אוים אין די אַרו־מיגע שטעדטלעך, פון קלענערע אין גרעסערע; עס וואנדערט אוים צוזאמען מיט בעלי עגלות און דיענסטמיידלעך, צוזאמען מיט רע־קרוטען און ארבייטער; און אויב דאָס ליעד איז, צום ביישפּיעל, פון אָנפאנג ענטשטאנען אין ליטע, קען עס אויך אויסוואנדער־ן נאָך פּוילען אָדער דרום־רוסלאנד און פון דאָרטען מגלגול ווערען אין גאליציען אָדער רומעניען. דער מארשרוט פון׳ם פאָלקסליעד קען זיין א פערשיעדענארטיגער, אומעטום אָבער פאסט עס זיך צו, צו די אָרטיגע אומשטענדען און שפּיעגעלט אָב דאָס בעזונדערע ארט לעבען, דעם ספּעציפישען כאראקטער פון זיין נייער סביבה.

וואָס לענגער אזא מין ליעד וואנדערט אום צווישען פאָלק און וואָס מעהר עס ווערט געזונגען, אלץ מעהר נוסחאות, ווא־ריאנטען ענטשטעהען פון איינעם און דעמזעלבען ליעד, וועלכע בילדען שוין פאר זיך גאנץ בעזונדערע ליעדער פון אן אנדער אינהאלט און פיעל מאָל פון א גאנץ אנדער מין כאראקטער. אָט די דאָזיגע וואריאנ־טען גיבען אונז מאנכעס מאָל די מעגליכקייט, נישט נור טיעפער אריינצודרינגען אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון דער פאָלקס־נשמה, נור זיי ווייזען אונז אויך דעם גייסטיגען און זיטליכען אונ־טערשיעד צווישען די איינוואוהנער פון פערשיעדענע געגענדען.

לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, אן אלט קינדער־ליעדעל, וואָס ווערט נאָך היינט אויך געזונגען אין פערשיעדענע ערטער פון ליטע און פּוילען.

אין ליטע זינגט זיך דאָס ליעדעל אזוי:

אינגעלעך מיט מיידעלעך
האָבען זיך צו נומען;
תשעה באב די חתונה —
קיינער איז ניט געקומען.

ווי עס ווייזט אוים, שטאמט נאָך דאָס ליעדעל פון דער אזוי גערופענער „בהלה“ צייט, ווען יודישע עלטערן פלעגען בשתיקה חתונה מאכען זייערע מינדער יעהריגע קינדער, כדי זיי זאָלען נישט צוגענומען ווערען פאר סאָלדאטען*). אין פוילען האָט אָבער דאָסזעלבע ליעדעל אָנגעוואָרען איהר היסטאָרישען ווערטה און האָט אָנגענומען דעם האראקטער פון דעם אלטעגליכען, וואָכעדיגען לעבען.

און אָט ווי די קינדער זינגען עס דאָרטען:

באָבאָלעך מיט קליסקעלעך
האָבען זיך גענומען,
תשעה באב די חתונה —
קיינער איז ניש' געקומען**).

ס'איז, דאכט זיך, דאָסזעלבע ליעדעל, און דאָך איז איהר אינהאלט א גאנץ אנדערער: פון „אינגעלעך מיט מיידעלעך“ איז גאָר געוואָרען „באָבאָלעך מיט קליסקעלעך“, דאָס בעליעבטע אַל־טעגליך מאכל פון דעם וואָרשעווער אָרימען עולם.

איך וועל דאָ ברענגען נאָך א ביישפיעל.

ס'איז פאָרהאן אן אַלט ליעדעל, וועלכע, ווי עס שיינט, איז אמאָל געווען געריכטעט געגען די יעניגע מיידלעך, וואָס האָבען נישט געקוקט אויף א יחוס־שידוך, ביי זיי איז רעכט געווען חתונה

*) זעה „גינזבורג און מארעק: יודישע פאָלקסליעדער אין רוס־לאנד, פעטערבורג, 1901“. איינלייטונג ז. 18, ליעד נומ. 255.

**) זעה פאָרליעגענדע זאמלונג, באנד 2, ז. 110.

האָבען מיט א פּראָסטען בעל מלאכה. אָט דאָס דאָזיגע מוסר־ליעד זינגט זיך אין ליטע אזוי:

כ'האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט:
אַ שניידער זאָלסטו ניט נעהמען,
אַ שניידער איז אַ גראָבער יונג —
דער שוואַרץ־יאָהר זאָל איהם קענען!

גאַנץ אנדערש קלינגט דאָסזעלבע ליעד אין פּוילען:

כ'האָב דיר געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט,
און זאָג דיר נאָך עד הנה'ן:
אַז דו וועסט נעהמען אַ שניידער פאַר אַ מאַן,
וועסטו האָבען צו קלאָגען און צו וויינען.
וואָס פאַרמאָגט אַ שניידער־יונג?
אַ נאָדעל מיט אַ פינגער־הוט;
און אַזוי ווי דו געהסט פון אונטער דער חופּה אַפּהער,
שרייט דאָס ווייב: כ'בין הונגעריג!*)

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אין פּוילען, צווישען די אונטער־סטע שיכטען פונ'ם פאָלק נישט אזוי שטארק מקפּיד געווען צי דער חתן איז אַ גראָבער יונג, אָדער אַ לערנער. די הויפּטפּראַגע איז געווען: צי איז ער אַ פערדיענער און צי וועט ער האָבען אויף — באָבאָלעך מיט קליסקעלעך...

אָבער נישט אַלע מאָל קען מען מיט זיכערהייט בעשטימען דאָס אָרט און די צייט, וואו און ווען אַ ליעד איז צוערשט ענט־שטאַנען. דאָס וואַנדערנדע פאָלקסליעד ווייס נישט פון קיין גרע־ניצען. עס ציהט אום פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק, פון מויל צו מויל אין שפּיעגעלט אָב, נישט נור דאָס קאָלעקטיווע פאָלקס־לעבען פון דער אָדער יענער סביבה, נור אויך דאָס לעבען פון דעם יחיד, פון דעם אינדיווידיום, אָט טאקע פון דעם זינגער

*) באַנד, 2. ז. 81.

גופא מיט אלע זיינע ליידען און פריידען, וואָס רינגלען איהם ארום. דאָס צייגט זיך ארויס אין איינע און דיעזעלבע ליעדער, וואָס ווע־רען געזונגען פון פערשיעדענע פּערזאָנען. דאָס קענען מיר צ. ב. זעהען פון די פאָלגענדע:

יאך מיט מיין חתן,
מיין מאַמעשי אין דער מיט;
יאך וויל תנאים שרייבען,
מיין מאַמעשי לאָזט מיך נישט.

כ'וועל נישט קוקען אויף מיין מאַמען,
כ'וועל מאַכען אַנ'עק:
כ'וועל נעמען מיין חתן
און וועל מיט איהם אַוועק.

יאך וועל מיט איהם אַוועק
אין דער וויטער וועלט אַריין;
כ'זאָל אפילו דעם טויט באַקומען,
מיין מאַן מוז ער זיין!

דאָס איז דער וועהגעשריי אין דער לעצטער פערצווייפעלטער שריט פון א פערליעבט יודיש מיידעל, וועלכע איז אפשר אין איהר גאנצען לעבען נישט ארויס פון איהר שטעדטעל א טריט איבער דער „ראגאטקע". נעבען איהר פעסטען בעשלוס: „כ'וועל נעמען מיין חתן און וועל מיט איהם אוועק", פיהלט זיך אויך איהר הילפ־לאָזיגקייט, איהר מורא פאר דער ווייטער, פרעמדער וועלט, אין וועלכער זי קען אפשר איהר לעבען פערליערען.

אבער גאנץ אנדערש וואריאירט דאָסזעלבע ליעדעל, ווען עס ווערט געזונגען פון א מאַן, פון א געזונדען זעלבסטשטענדיגען בחור, וועלכער קען אומעטום זיין שטעדטעל בעשטעהן:

איך מיט מיין ליובע,
מיין מאַמע אין דער מיט;

איך וויל די ליובע,
מיין מאַמע לאָזט מיך ניט.
איך וועל נישט קוקען אויף מיין מאַמעס רייד,
כ'וועל נעהמען די ליובע, ווי זי שטעהט און געהט.

איך וועל זי נעמען
און מאַכען אַנ'עק;
איך וועל זי נעמען
און וועל מיט איהר אַוועק;
איך וועל מיט איהר אַוועק,
גלייך קיין אַדעס
און שטעלען אַ חופּה
אין איין מעת-לעת.*)

אַט אַזוי שאַפט דאָס פאָלק זיינע ליעדער, אין וועלכע עס שפּיעגעלט זיך אָב זיין אינערליכעס לעבען אונטער פערשיעדענע צייטען און אומשטענדען. פון איין איינציג אורשפּרינגליך ליעד, וואָס וואַנדערט אַרום אַ לענגערע צייט צווישען פאָלק, ענטשטעהען פיעלע נייערע, וועלכע ווערען אויך אין משך פון פיעלע יאָהרען פערענדערט, צוזונגען און דורך געוויסע סיבות פערגעסען. דאָס איז אָבער נישט קיין כּלל פאַר אַלע. אַנדערע ליעדער ערהאַלטען זיך אין פאָלקס-זכרון הונדערטער יאָהרען; זיי פערענדערען זיך טאַקע, בייטען זייער סטראָפּען-בוי, בייטען זייער מעלאָדיע, פער־לירען אייניגע פערזען אָדער גראַמען, אָבער פאַרגעסען ווערען זיי נישט.

אַלטקייט, דאָס איז שוין אַ בעזונדערע אייגענשאַפט פונ'ם פאָלקסליעד.

* * *

אַ געוויסער טייל גאַנץ אַלטע ליעדער ווערען נאָך היינט אויך פונ'ם פאָלק געזונגען, אַזוי ניי און פריש, גלייך ווי זיי וואָלטען

*) באַנד 1, ז. 20.

ערשט נעכטען געשאפען געוואָרען, אָבער אין אמת'ן זענען זיי שוין אלט פיעלע הונדערטער יאָהרען. מעהרערע שפּיעל און צייהל־פערזען, וועלכע ווערען געזונגען פון אונזערע קינדער, אייניגע רעטעניש און וואונש־ליעדער זענען שוין אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט בעקאנט געווען אין דייטשלאַנד. עס וואָלט אָבער געווען א טעות, ווען מיר זאָלען אננעהמען, אז די דאָזיגע אלטע פאָלקסליעדער זענען פון דייטשען אורשפּרונג; גיכער פון אלץ זענען זיי „אוניווערסאלע פאָלקסליעדער", אויב מען קען זיי אזוי אנרופען, ווייל זיי זענען אויך פערברייטעט כמעט ביי אלע אייראפּעאישע פעלקער. יעדעם פאָלק, נאטירליך, האלט זיי פאר זיין אייגענס און זינגט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער.

איך וועל דאָ נעמען, צום ביישפּיעל, איינע פון די דאָזיגע אוניווערסאלע פאָלקסליעדער, דאָס אוראלטע חד גדיא־ליעד, וואָס אונזערע קינדער זינגען נאָך היינט אויך אין פערשיעדענע נוסחאות:

חאט השם יתברך אראפּגעשיקט
א בוימעלע אראָפּ, אָ בוימעלע אראָפּ,
בוימעלע זאָל בארעלעך וואַקסען,
בוימעלע זאל בארעלעך וואקסען.
בוימעלע וויל ניט בארעלעך וואַקסען
בארעלעך ווילען ניט פאלען, בארעלעך ווילען ניט פאלען*)

דער געלעהרטער צונץ וויל אָבער האָבען, אז דאָס חד־גדיא־ליעד פון דער פסח־הגדה, איז א נאָכאהמונג פון א דייטשע פאָלקסליעד און געהערט צום 15טען יאהרהונדערט**). אין דערזעלבער מיינונג זענען אויך אנדערע יודישע געלעהרטע. קומט אָבער דר. ק. קאהלער אין זיין אויספיהרליכען ארטיקעל: „זאגע אונד זאגע אים שפּיעגעל דעם יודישען לעבענס", און בעווייזט, אז דיעזע טהע־

---

*) גינזבורג און מארעק: „יודישע פאָלקסליעדער" נומ. 126.
**) Zunz: Gottesdienstl. Vortrage, S. 133.

אַריע איז דורכאוים פאַלש*). ער צייגט אָן, אַז זאַנדערס, אין זיין „פאָלקסלעבען דער נייגריעכען“ איז גאָר אין דער מיינונג, דאָס עהנליכע ניי־גריעכישע פאָלקסליעדער זענען פון יודישען אור־שפּרונג.

דאָס גריעכישע ליעד קלינגט אונגעפעהר אַזוי:

אמאָל איז געווען אַן אַלטער,
האָט ער געהאט אַ הענד'ל,
האָט עס געקרעהט און געוועקט
דעם ארימען, דעם אלטען.

איז געקומען דער פוקס צוגעהן
און האט אויפגעפרעסען דאס הענד'ל,
וואס האט געקרעהט און געוועקט
דעם ארימען, דעם אלטען.

איז געקומען דער הונד צוגעהן
און האט אויפגעפרעסען דאס פיקסעל,
וואס האט אויפגעפרעסען דאָס הענד'ל א. ז. וו.

אויך אין די ענגלישע פאָלקסליעדער געפינען זיך אלערליי וואריאנטען צו אונזער חד־גדיא־ליעד, ווי דאָס בעקאנטע: „דהיז איז דהי האוז דהאָט דזשעק בילט“, און אנדערע, וועלכע ווי האַלל־וועלל גלויבט, שטאמען פונ'ם יודישען**). עהנליכע ליעדער גע־פינען זיך אויך אין פוילישע, רוסישע, פראנצויזישע, איטאליעני־שע און כמעט ביי אלע אייראָפּאישע פעלקער, אפילו אין סיאם און פּערזיען האָבען זיך געפונען פאראלעלען צו אונזער ליעד. נא־טירליך, זינגט עס יעדעס פאָלק אויף זיין אייגענעם שטייגער. אזוי, צ. ב., זינגט זיך עס אין עלזעסישען פון „א חזר'ל וואָס וויל נישט

*) Geigers Zeitschrift fur die Geschichte der Juden in Deutschland, 1889, S. 234.
**) J. O. Halliwel: The Nursery Rhymes of England, London, 1842.

געהן" אָדער אין שווייצערישען פון „א קעלבעלע וואָס וויל נישט טרינקען" א. ז. וו. דער דערמאנטער דר. קאָהלער איז אָבער שטארק אין ספק און קען זיך נישט פאָרשטעלען, אז די פערזער, ווי די ניי־גריעכען און אלע אנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, זאָלען האָבען דאָס דאָזיגע ליעד אבגעצווייגט פונ'ם יודישען, כדי דאָס צו זינגען אין הונדערטערליי וואריאציאָנען. ער ווייזט אויך אָן אויף א פּאראלעל אין אינדישען „פּאנטשאטאנטרא", און קומט צום שלוס, אז דאָס ליעד געהערט צו דער אורצייט און שטאמט פון וויי־טען מזרח.

עס איז אלזאָ מעהר ווי זיכער, אויב דאָס חד־גדיא־ליעד איז אפילו נישט פון יודישען אורשפּרונג, איז עס אָבער אויך נישט קיין נאכאהמונג פונ'ם דייטשען, נור גראד דאָס געגענטהייל, ווי עס בעווייזען די העברעאישע ווערטער אין דער לעצטער סטראָפּע פון דאָס דייטשע ליעד: „איין ציקליין:"

Da kam unser lieber Herr Gott
Und schlacht den Malach hammoves,
Der da hat geschlacht den Schochet,
Der da hat geschlacht den Ochsen.*)

עס קען גאָר קיין ספק נישט זיין, אז אמאָל האָט אויך געמוזט פּאָרקומען א געוויסער אויסטויש צווישען דער יודישער און דייטשער פאָלקספּאָעזיע, און אז יודישע ליעדער זענען אסימילירט און אויפגעלעזט געוואָרען אין דייטשען ליעדער־אוצר.

שוין אין פריהען מיטעלאלטער איז פּאָרגעקומען כמעט א רע־געלמעסיגער אויסטויש פון ליעדער, נישט נור צווישען אזעלכע שטאַם־פערוואנדטע פעלקער ווי דייטשען, האללענדער און דענען, שוועדען און נאָרוועגער, שפּאניער און פּאָרטוגעזער, סערבען און בולגארען, לעטען און ליטווינען, א. ז. וו. נור אויך צווישען פעל־

*) Arnim und Brentano: "Des Knaben Wunderhorn, Alte deutsche Lieder." Reclam's Universal Bibl. S. 803.

קער פון גאנץ פרעמדער אבשטאמונג, וועלכע זענען נור געקומען אין וועלכער נישט איז בעריהרונג. אזוי, צום ביישפיעל, האבען דייטשע און פוילישע פאָלקסליעדער אויסגעוואנדערט נאך ליטע און זענען געוואָרען דאָס אייגענטהום פון דעם דאָרטיגען פאָלקס־געזאנג. פונקט אזוי האָט אויך דאָס דייטשע פאָלקסליעד אריינ־געדרונגען אינ'ם לעטישען ליעדער־אוצר. די פוילישע פאָלקספאָ־עזיע אין אָבערסלעזיען האָט כמעט ווערטליך איבערגענומען איינ־צעלנע דייטשע פאָלקסליעדער. א לעבעדיגער ליעדער אויסטויש איז אויך פאָרגעקומען צווישען דער סלאָווענישער און דייטשער פאָלקספאָעזיע, און מעהרערע טשעכישע לעגענדען, באלאדען און ליעבעסליעדער זענען איבערגעגאנגען אין דייטשען ליעדער־אוצר. עס איז אויך זיכער, אז איינצעלנע ליעדער האָבען די דייטשען אי־בערגענומען פון די פראנצויזען, און דייטשע ליעדער זענען איבער־זעצט און געזונגען געוואָרען אין פראנצויזיש. פון 15טען ביז'ן 17טען יאהרהונדערט האָבען רוסישע ליעדער אריינגעדרונגען אין פינלאנד און האָבען אין דער פינישער פאָלקסדיכטונג איבערגעלאָ־זען שפורען פון זייער איינפלוס; נאך לענגער איז געווען דער איינדרוק פון דער סקאנדינאווישער פאָלקסדיכטונג אויף די פינ־לענדער*).

דאָס וואנדערנדע פאָלקסליעד האָט אויך נישט קיין אויס־נאהם געמאכט מיט'ן יודישען פאָלקסגעזאנג. שוין גאנץ פריה האָ־בען איניגע פוילישע, קליינרוסישע און מעהרערע דייטשע פאָלקס־ליעדער אריינגעדרונגען אינ'ם יודישען ליעדער־אוצר, וואו זיי האָ־בען זיך אין משך פון פיעלע יאָהרען פערענדערט, אסימילירט און פעריודישט געוואָרען. נאך דייטשע מוסטערן זענען געשאפען גע־וואָרען מעהרערע יודישע ליעדער; דאגעגען האָט דאָס סלאווישע פאָלקסליעד בלויז געהאט א געוויסען איינפלוס אויף אונזערע פאָלקס־מעלאָדיען.

---

*) Otto Bockel: Psychologie der Volksdichtung, Leipzig, 1906, S. 182.

דיעזע איינגעוואנדערטע ליעדער געהערען מייסטענס צום 15טען און 16טען יאהרהונדערט, און ווי איך האָב שוין אויבען בעמערקט, שיינען זיי אויך נישט צו זיין פון דייטשען אָדער סלאַווישען אורשפּרונג. די מייסטע פון זיי, געפינען מיר אויך אין אלערליי וואריאציאָנען אין דער פאָלקסדיכטונג פון מעהרערע אייראָפּעאישע פעלקער, דאָס הייסט אלזאָ, אז זיי געהערען, ווי דאָס חד־גדיא־ליעד, צו דעמזעלבען מין: „אוניווערסאלע פאָלקס־ליעדער".

ווי עס איז בעקאנט, געברויכען אלע פעלקער דאָס רעטעניש אלס מיטעל צו פּרואווען דעם שארפזינן; דאָס איז שוין אַן אור־אלטער מנהג, וועלכען די אייראָפּעער האָבען מיטגעבראכט פון'ם אָריענט. כמעט אין אלע שפּראכען געפינען זיך פאָלקס־באלאדען, וואָס ענטהאלטען א גאנצע רייהע פון פראגען און אנטוואָרטען, דורך וועלכע א בחור וואָס שדכנ'ט זיך וויל אויסגעפינען דאָס קלוגקייט פון זיין צוקינפטיגען זווג. אין מעהרערע ענגלישע און שאָטישע באלאדען, איז דער שידוך אין גאנצען אבהענגיג פון דיעזע אָדער עהנליכע פראגען:

> אָ וואָס איז לענגער פאר דעם וועג,
> און וואָס איז טיעפער פאר דעם ים?
> אָדער וואָס איז (הילכט) העכער פאר א האָרן?
> און וואָס איז שאַרפער פאר א דאָרן?
> אָדער וואָס איז גרינער פאר דאס גראז,
> און וואָס איז ערגער פאר א פרוי?

און ער לאָזט זיך צופריעדען שטעלען מיט פאָלגענדען אנטוואָרט:

> אָ, די ליעבע איז לענגער פאר דעם וועג,
> און די העלל' איז טיעפער פאר דעם ים,
> און דונער הילכט העכער פאר דעם האָרן,

אונ הונגער איז שאַרפער פאַר אַ דאָרן,
אונ סם איז גרינער פאר דאס גראז,
אונ דער טייוועל איז ערגער פאר א פרוי*).

אין א סערביש ליעד זיצט א מיידעל ביים ברעג פון ים און פרעגט:

צי איז פארהאן וואס ברייטער'ס פאר דעם ים?
צי איז פארהאן וואס לענגער'ס פאר דאס פעלד?
צי איז פארהאן וואס שנעלער'ס פאר דאס פערד?
און וואס קען זיסער זיין פאר האָניג?
און וואס איז טייערער פאר א ברודער?

א פיש שטעקט ארויס דעם קאָפּ פון וואסער און ענטפערט:

איז נישט דער הימעל לענגער פאר דעם ים?
איז דער ים נישט לענגער פאר דאס פעלד?
איז דאס אויג נישט שנעלער פאר דאס פערד?
צי איז נישט צוקער זיסער נאך פאר האָניג?
און דער געליעבטער נישט טייערער פאַר דעם ברודער?**)

אזעלכע ליעדער ווערען ביי אונז אויך געזונגען אין אלערליי וואריאַציאָנען און מיט פערשיעדענע מעלאָדיען; עס פעהלט אָבער אין זיי דער הייראטס מאָטיוו און די פערשיעדענע ערקלעהרונגס סטראפען, ווי אין עהנליכע ענגלישע און דייטשע ליעדער. ביי אונז זענען זיי פּשוט'ע רעטעניש-ליעדער און דאָס זאָגען זיי אויך באלד פון אנפאנג:

די מיידעלע, די פיינס, די מיידעלע די שיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ קליינס:

*) F. J. Child: English and Scottish Popular Ballads. Cambridge ed. p. 2.
**) Talvj: Charakteristik der Volkslieder germanischer Nationen. Leipzig, 1840, S. 136.

וואו איז דאָ וואַסער אָהן זאַמד?
וואו איז דאָ אַ מלך אָהן אַ לאַנד?

— דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער חלאַפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שכל אין דיינעם קאָפּ!
דאָס וואַסער פון אויג איז אָהן זאַמד,
דער מלך אין קארטען איז אָהן אַ לאַנד*).

אן עהנליכעס ליעד געפינט זיך אויך אינ'ם דייטשען, פון וועלכע איך וועהל דאָ אבזיכטליך אויס, בלויז די פאָלגענדע סטראָפע, וואָס שטימט מיט'ן יודישען:

וואָס פיר איין קעניג איזט אָהנע לאַנד?
וואָס פיר איין וואסער איזט אָהנע זאַנד?
„דער קעניג אויף דעם שילדע איזט אָהנע לאַנד,
דאָסס וואססער אין דען אוגען איזט אָהנע זאַנד"**).

בלויז די איינינע פערזען שטימען, כמעט ווערטליך, מיט אונזער ליעד, אָבער פון דעם דאַרפען מיר נישט שליסען, אז דאָס יודישע איז ענטשטאנען אָדער נאכגעאהמט פונ'ם דייטשען; אין איינינע ערטער שטימט עס דאָך אויך מיט'ן ענגלישען, און ווען מיר פערגלייכען עס מיט עהנליכע ליעדער אין אנדערע שפּראַכען, ווייזט זיך ארויס דיזעלבע אינערליכע איבעראיינשטימונג, דיזעלבע פערוואנדשאפט, וועלכע פיהרט אונז צום לאָגישען שלוס, אז די דאָזיגע ליעדער פון דער עלטערער פעריאָדע אין אלע זייערע וואריאציאָנען שטאמען וואהרשיינליך פון איין אורשפּרינגליכען קוואל, וואָס איז שוין לאנג פערלאָרען געגאנגען.

עס טרעפט, אז פון אלטע, לאנג פערקלונגענע ליעדער בלייבען איבער איינינע סטראָפען אָדער פערזען, וועלכע וואנדערן אום

*) באַנד, 2. ז. 165.
**) Arnim und Brentano: Wunderhorn, S. 586.

פון לאנד צו לאנד, פון פאָלק צו פאָלק, און בירגערן זיך אומעטום איין אין דעם נייערן פאָלקסגעזאנג. דערפאַר טרעפען מיר אזוי אָפט איינע און דיעזעלבע פערזען, איינע און דיעזעלבע געדאנקען אין אלערליי ליעדער פון פערשיעדענעם אינהאלט, און אפילו ביי פערשיעדענע פעלקער, וועלכע שטעהען אין שפראך און קולטור גאנץ ווייט איינע פון די אנדערע.

איך וועל דאָ ברענגען צ. ב. פאָלגענדע סטראָפע, מיט וועלכער עס שליסען זיך מעהרערע דייטשע ליעבעס ליעדער:

ווען גלייך דער הימעל פאפיערען ווער׳
אונד יעדעס שטערנליין איין שרייבערל׳ ווער׳
אונד שריעבע איין יעדעס מיט זיעבען הענד׳
זאָ שריעבען זיע מיינער ליעבע קיין ענד׳.

דיזעלבע פערזען געפינען מיר אויך אין די פאָלקסליעדער פון אנדערע פעלקער.

סערביש:

ווען דער גאַנצער הימעל וואָלט אַ בלאַט פאַפיר געווען,
ווען דער גאַנצער וואלד וואָלט ראָהר־פעדערן געווען,
ווען דער גאַנצער ים וואָלט שוואַרצע טינט געווען,
און ווען איך וואָלט מיט דעם דריי יאָהר געשריעבען,
נישט אויסשרייבען וואָלט איך געקענט מיינע שמערצען.

נייגריעכיש:

ווען דער גאַנצער וועלט־ים וואָלט געוועזען טינט,
דער הימעל אין גאַנצען פאַפיר;
און ווען איך זאָל וועלען מיינע שמערצען בעשרייבען,
נישט גענוג וואָלט עס געווען פאר מיר*).

*) Talvj: Charakteristik, S. 450.

און דיזעלבע ליעבלינגס־געדאנקען געפינען מיר אויך אין מעהרערע פון אונזערע ליעבעס־ליעדער:

פון אלע ביימעלעך זאל ווערען פענעס,
פון אלע וואסערלעך זאל ווערען טינט;
טינט און פענעס וועט פארט נישט קלעקען
צו בעשרייבען מיינע צרות פון אצינד*).

צווישען די זיעבען הונדערט יודישע פאלקסליעדער, וועלכע זענען ביז אהער געזאמעלט געווארען, האב איך, נאך א לאנגען זוכען און נישטערן, געפונען א פאאר צעהנדליג אזעלכע וואריאנטען, פון וועלכע עס לאזט זיך אויך שליסען, אז דער אנפאנג פון יודישען פאלקסליעד פערלירט זיך אין פריהען מיטעלאלטער, און אז אונגעפעהר אין דערזעלבער צייט איז אויך ענטשטאנען אונזער עראטישעס פאלקסליעד.

* * *

„ליעבע — דאס איז א נייער ווארט“ — האט זיך אויסגעדריקט איינער פון די יודישע שרייבער אין די זיבעציגער יאהרען, און דערמיט זענען אויך מסכים די ארויסגעבער פון דער ערשטער יודישער פאלקסליעדער זאמלונג אין רוסלאנד**). אויך פראפעסאר וויענער בעהויפטעט, אז דאס ווארט „ליעבע“ עקזיסטירט נישט אין יודישען ווערטער־בוך, און א ראיה ברענגט ער, אז „וואו נור אזא געפיהל — מיט וועלכען די יודען זענען בעקאנט געווארען ערשט אין מיטען פון דיזען יאהרהונדערט — האט געדארפט אנגערופען ווערען ביים נאמען, האבען זיי געמוזט געברויכען דאס דייטשע ווארט „ליעבע“***).

*) פארליעגענדע זאמלונג: באנד 1, ז.

**) גינזבורג און מארעק: פאלקסליעדער, איינלייטונג ז. 17.

***) Leo Wiener: The History of Yiddish Literature in the nineteenth century. New York, 1899,p.. 57.

עס זענען אָבער פאַרהאַן פיל פאַקטען, וואָס בעווייזען, אַז נישט נור געברויכען מיר דאָס וואָרט „ליעבע" אַזוי לאַנג ווי די יודישע שפּראַך, נור אַז ראָמאַנען און ליעבעסליעדער זענען אויך נישט קיין נייע ערשיינונגען אין אונזער פאָלקסדיכטונג.

שוין אינ'ם 16טען יאָהרהונדערט האָט די יודישע מאַסע אין מערב־איירופּא אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע נייגונג צו די דאַמאָלס אין יודיש־דייטש בעאַרבייטע און איבערגעדיכטעטע דייטשע אַבענדטויער־ראָמאַנען און זאַגען, ווי „דיעטריך פאָן בערן", „קעניג אַרטוס", „די ליעבשאַפט פאָן פלאָרים אונד בלאַנטשעפליר", „טיל אוילענשפּיעגעל" און פיל אַנדערע.

דיעזע ביכער זענען צו יענער צייט אַזוי בעליעבט און פּאָפּולער געווען אין יודישע קרייזען, דאָס נישט זעלטען פלעגען רבנים אין די פאָררעדען, צו זייערע עטיש־רעליגיעזע ספרים, זיך שטאַרק בעקלאַגען וועגען דעם. און אַז די דאָזיגע בעלעטריסטישע ביכער האָבען טאַקע געהאַט זייער לעזער־קרייז, און אפשר נאָך אַ פיל גרעסערן, ווי די פערשיעדענע מוסר־ספרים, קען מען אויך זעהן פון קאָרנעליאָ אַדעלקינד'ס פאָררעדע צו לעוויטאַס תהילים איבערזעצונג, אין וועלכער ער זאָגט, אַז ער האָט לעוויטאַ'ן בעוואויגען צו מאַכען די איבערזעצונג, כדי דערמיט נוצען צו ברענגען די ווייבער און די יעניגע מענער, וואָס האָבען אין זייער יוגענד קיין צייט נישט געהאַט העברעאיש צו לערנען, וועלכע ווילען אָבער שבת און יום טוב בעסער לעזען אַזעלכע „געטליכע" ביכער ווי „דיעטריך פאָן בערן", אָדער „דער שענען גליק".

אַן ענליכע פאָררעדע ציטירט אויך שטיינשניידער אויס דעם מעשה־בוך:

„דרום איר ליבן מאַנען און פרויען, לייענט איר אָפט דאַרויס זאָ ווערט איר דרינגנען בעהויען אום ניט צו לייענען אוים דעם ביכער פאָן קיהען (וואַהרשיינליך דאָס „קוה־בוך", ערשיענען 1555) און פאָן דיטריך פאָן בערן און מייסטער הילדאַבראַנט זאָלט איר אך אייך ניט

טון מיען, נון עס זיין וואָרליך איטעל שמיטץ, זיע געבען אייך ניט וואָרעם נאך היטץ, אך זיין זיע ניט געטליך דאַרביי, איר בעדאַרפט וואָל, אז איך'ס גאט פערציי אונזערע ספרים שרייבען עס איז איין זינט אז איין חויז, צו לייענען אן דעם חייליגען שבת דאַרויס, וועללט איר איער צייט מיט לייענען פערטרייבען, אזוי וויל איך איין שען מעשה־בוך שרייבען"*).

אָבער נישט אלע מאָל האָבען אזעלכע מוסר־ווערטער געקענט האָבען א ווירקונג אויף דער מאַססע, וועלכע האָט שוין אויף איהר אייגענעם אופן געפונען א וועג, ווי אזוי די צייט צו פערטרייבען.

די לוסט צום לעבען — בעמערקט דער געלעהרטער א. בער־לינער — איז אפילו אין די דריקענדסטע צייטען נישט פערלאָרען געגאנגען, ווי דאָס ווייזט זיך ארויס פון די אונטערהאלטונגען און שפּיעלען, אין וועלכע די מאַסע האָט געפונען איהר פרייד און פערגעניגען.

דאָס אלגעמיינע טאַנץ־הויז, וועלכע יעדע צונפט און יעדע גרעסערע געמיינדע האָט פארמאגט פאר געזעלשאַפטליכע אונטער־האלטונגען און פאר פאמיליען־שמחות, האָט אָפט פעראייניגט צום טאנץ דאָס שעהנע געשלעכט, וואו עס איז אויך ארויסגעוויזען געוואָרען דער מעגליכסטער פּראכט. דאָ האָבען שוין די יודישע טעכטער געמעגט ערשיינען אָהן דעם שלייער, קענטיג געמאכט פון צוויי בלאָטע שטרייפען, און די מענער אָהן דאָס ראָד־צייכען אויפ'ן ראָק און דעם האָרן־ארטיגען, שפּיציג פערבויגענעם הוט אויפ'ן קאָפּ. דאגעגען זעהען מיר דאָ דאמען און הערען באציערט מיט טייערע גארטלען, אָהן וועלכע מען האָט זיך ביים טאַנץ נישט גע־קענט בעגעהן — און ווער עס האָט אזעלכען נישט געהאט האָט עס גענומען אויף פּראָקאָט און האָט געצאָהלט צוויי דענאר לייה־געלט. דאביי האָט זיך אמאָל געטראָפען, אז א דאמע האָט ביי אזא

*) Mitteilungen zur Jud. Volkskunde. Heft XXVII, S. 102.

ליעבהאבער, וואס איז געווען פערפוצט אין א געבארגטען גארטעל, ווידער אמאל געבעטען די געפעליגקייט איהר דעם גארטעל צו בארגען, כדי צו קענען אנטייל נעהמען אין דעם טאנץ, פאר וועלכען דער הערר האט קודם־כל געפאדערט א גאנץ הויכען פרייז, נעמליך נישט קיין אנדער זאך, ווי די ערלויבניס, איבערגעבענדיג דער דאמע דעם דאזיגען גארטעל, צו מעגען איהר ערקלערען פאר זיין זווג אין דער געגענווארט פון די אנוועזענדע. אויב די דאמע האט עס בלויז אנגענומען פאר א שפאס אדער פאר אן ערנסט — איז נישט וויכטיג, ס'איז גענוג, וואס זי האט זיך דערביי ערקלערט איינפערשטאנען, און עס איז ענטשטאנען א שווערע אויפגאבע פאר די רבנים, וועגען די רעכטמעסיגקייט און כשר'קייט פון אזא מאדוס אין דער שליסונג פון א שידוך. א געוויסער ליעבהארציגער זיידע האט נישט געוואוסט קיין בעסערע צוואה פאר זיין אייניקעל צו לאזען, ווי 20 וויענער פונט, כדי זי זאל זיך דערמיט קענען פערשאפען אן אמת שעהנעם, רייך בעפוצטען גארטעל*).

אונגעפעהר אין דערזעלבער צייט, ווען די אויבענדערמאנטע פאלקסביכער האבען געהאט אזא גרויסען ערפאלג צווישען דער יודישער מאסע, איז ענטשטאנען א יודיש־דייטשע האנדשריפטליכע פאלקסליעדער זאמלונג, וועלכע געפינט זיך אין דער באדלעיאנא ביבליאטעק, אין אקספארד. איבער דעם דאזיגען זעלטענעם מאנוסקריפט האט פ. ראזענבערג אנגעשריעבען א היבשע אבהאנדלונג, אין וועלכער ער איז זיך משער, אז די זאמלונג איז ענטשטאנען צווישען די יאהרען 1595—1605 און זאל זיין צוזאמענגעשטעלט פון א געוויסען אייזיק וואליך אויס ווארמס. דער מאנוסקריפט ענטהאלט 1 שוישפיעל און 54 ליעדער, פון וועלכע 12 שטאמען פון יודישע מחברים; די איבריגע, כמעט פיער־פינפטעל פון דער זאמלונג בעשטעהען פון דייטשע פאלקס־ און געזעלשאפטס־ליעדער, וועלכע געהערען מייסטענס צום סוף פונ'ם 16טען יאהר־

---

*) A. Berliner: Aus dem Leben der deutschen Juden in Mittelalter. Berlin, 1900, S. 18.

הונדערט*). צווישען די פערשיעדענע ליעדער־פראָבען, וואָס ה׳ ראָזענבערג ברענגט אין זיין אבהאנדלונג, געפינען זיך אויך איי־ניגע טאנץ־ און ליעבעס־ליעדער, פון וועלכע איך וועל דאָ ציטירען איינינע סטראפען:

יונגפריילין, וואָלט איר ניכט
מיט מיר איין טענצליין טון;
איך ביטט, איר וואָלט מירס ניט פאר איבעל האָן,
פרעליך מוסס איך זיין, פרעליך מוסס איך זיין,
דעווייילען איך עס האב אונד קאנן.

אייער צארטער יונגער לייב
האט מיך אין ליעב פערוואונט,
אויך אייער אויגליין קלאר
דארצו אייער ראטער מונד;
שליסט אייער ארמע**) איין,
פיינס ליעב, וואָל אין דיע מיין,
זא ווירד מיין הערץ געזונד.

פאר אונז איז דאָ נישט וויכטיג, צי דאָס ליעד איז אריגינעל יודיש אָדער נישט, וויכטיג איז דער פאקט, אז אזעלכע ברענענדע

---

*) F. Rosenberg: Ueber eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder in hebraischen Lettern.

**) דער מחבר פון דער דערמאָנטער אָבהאַנדלונג גלויבט, אַז דאָר־טען, וואו מען קען נאָכווייזען אַ דייטשע פאָרלאַגע פון די ליעדער, וואָס זענען פשוט איבערגעגעבען אין העברעאישע אותיות, דאַרף מען נאָר האבען אין אויג דעם ליטעראַרהיסטאָרישען געווין, און מען איז בע־רעכטיגט צו בעזייטיגען די וועניגע שפורען פון דעם יודיש־דייטשען דיאַלעקט. דערפאַר האָט ער די ווערטער וואָס זענען אויסגעלעגט אין מאַנוסקריפט — „ארעם“, „אך“, „איז“, „אנאנדער“, „אריין“, גע־שריעבען אין דייטש — אָרמע, אָוך, איזט, איינאַנדער, העריין, א. ז. וו.

ליעבעסליעדער זענען שוין אין 16טען יאהרהונדערט געזונגען געווארען פון דער יודישער מאסע.

מיט דער צייט און ביסלעכווייז זענען די דאזיגע אלטע ליעדער פערגעסען געווארען, מיר געפינען נאך אבער זייערע שפורען אין אונזער היינטיגען פאלקסגעזאנג, ווי צ. ב., די פאלגענדע סטראפען:

איך קאם פאר מיין פיינעס ליעבעס טיר,
די טיר וואר צו געשלאססען,
דער ריגעל יואר דערפיר.

פיינעס ליעב, אונד לאס מיך איין,
איך בין אלזו לאנג געשטאנדען,
דערפארען מעכט איך זיין.

איך לאס דיך ניט ארייז
דען דו געלאבסט מיר דיע טרייע דיין,
דאס דו מיין אייגען ווילסט זיין.

דיע טרויע געלאב איך דיר ניט,
ליעב וויל איך דיך האבען,
אבער נעמען וויל איך דיך ניט.

את די איניגע סטראפען האבען זיך נאך ערהאלטען אין אונזערע היינטיגע ליעבעסליעדער. די ערשטע דריי דערמאנען אן אונזער ליעד:

— עפען מיר די טירעלע.
„עפענען וועל איך ניט!"

XXX.

— אַ רעגען געהט, אַ ווינד וועהט,
איך וועל פּטר'ן מיין זיידען קלייד.
„עפּענען וועל איך ניט!"

די לעצטע סטראָפע ווידערהאָלט זיך אין מעהרערע ליעדער:

איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען,
איך קען אָהן דיר נישט לעבען איין מינוט;
דו ביזט ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען,
נאָר נעמען, דושעניו, קען איך דיר ניט.

דער בעשרענקטער פּלאַץ ערלויבט מיר דאָ נישט צו ברענגען נאָך מעהרערע ציטאַטען און ראיות, וועלכע וואָלטען נאָך בולט'ער בעוויזען, אז דאָס יודישע ליעבעסליעד איז שוין אַלט פיעלע הונ־דערטער יאָהרען, און אז עס איז נישט קיין נייע ערשיינונג אין אונזער פאָלקסלעבען, וואָס האָט זיך ערשט בעוויזען אינ'ם לעצטען העלפט פון פערגאַנגענעם יאהרהונדערט, ווי מאַנכע פאָרשער ווילען האָבען.

עס איז טאקע א פאקט, אז אין די פריהעריגע יאָהרען איז ביי אונז דאָס וואָרט „ליעבע" געוועזען א שפּאָט־וואָרט, און „ליעבען" איז בעטראַכט געוואָרען פאר א פערבאָטענע זאַך, פאר א מאָראַלי־שען פערברעכען אינ'ם עפענטליכען יודישען לעבען. ראָמאַנען, נישט נור געדרוקטע, נור טאקע אינ'ם ווירקליכען לעבען, האָבען זיך געטראָפען זעהר זעלטען. דאָס קען אַלץ געזאָגט ווערען בנוגע די בעל־הבית'ישע קלאַסען, אָבער נישט וועגען דער יודישער מאַסע אין אַלגעמיין. אין די אונטערסטע פאָלקסשיכטען, צווישען שניי־דער־יונגען און שוסטער־געזעלען, בעקער און בעל עגלות, נייטאָרינס און דיענסטמיידלעך און דעסגלייכען, איז ליעבע און ראָמאַנען נישט נור נישט געווען א זעלטענהייט אָדער א צופאַלס זאַך, נור א גאַנץ געוועהנליכע, אַלטעגליכע ערשיינונג. הגם אונטער דעם איינפלוס פון מוסר־זאָגער און עפענטליכער מיינונג, האָט די מאַ־

סע אויך געגלויבט, אז „ליעבען זיך“ איז אן עבירה, א מאראלישער פערברעכען; אינערליך איז אבער ביי איהר דער אלגעמיין מענש־ליכער טריעב, דאס עראטישע געפיהל נישט דער ערך שטארקער געוועזן פון דער עפענטליכער מיינונג.

צי מיט הונדערטער, צי מיט פופציג יאהר צוריק, אלע מאל האט די יודישע מאסע געזינדיגט און — געליעבט.

עס האבען נישט געהאלפען אלע שטערונגען און פערפאלגונ־גען, שפאט און סטראשונקעס, און אפילו נישט דער מוסר פון אזעל־כע ליעדלעך:

וועלכעס מיידעלע ס׳וויל ביי טאטע־מאמע חשוב זיין,
איז עס דאך ביי אלע מענשען טייער;
וועלכעס מיידעלע, אי וועה, ס׳וויל א ליעבע פיהרען,
פארברענען זאל מען זי אויפ׳ן פייער!*)

אין דער צייט ווען פרומע יודען און יידענעס פלעגען שבת נאכ׳ן „טשאלענט“ אוועקגעהן אין שוהל אריין הערען א מגיד אדער א „זאגער“, אין דערזעלבער צייט פלעגט דאס יונגווארג, בחורים און מיידלעך זיך פערקלייבען ערגעץ אין א קעלער אדער אויף א דאך־שטיבעל טאנצען און זינגען ליעדער, און דאס רוב ליעבעס־ליעדער.

און געליעבט האט מען זיך בסוד, בעהאלטענערהייד, און אויף פערבארגענע וועגען איז מען שפאציערען געגאנגען, אט אזוי ווי עס זינגט זיך אין די ליעדלעך.

שעהן ביזטו, רחל־לעבען,
שעהן זאלסטו דיך ציערען;
טו דיר אן דיין אויבערמאנטעלע,
וועלען מיר געהן שפאציערען.

---

*) באנד 1, ז. 118.

שפּאַציערען, רחל'ע, וועלען מיר געהן
צווישען די געדיכטע ביימער,
שפּאַציערען וועלען מיר ביידע געהן
דאָרט, וואו עס געהט נישט קיינער.

שפּאַציערען וועלען מיר ביידע געהן
צווישען די געדיכטע בלעטער,
טאמער טרעפט דיך דיינס א חברטארין,
זאָג — דו געהסט צו דיין פעטער.

שפּאַציערען וועלען מיר ביידע געהן
נעב'ן אייזערנע קראטען,
האב נישׁ' מורא, מיין דושקע־לעבען,
ס'וועט דיר גאָר נישׁ' שאַטען!*)

דאָרט, וואו עס געהט נישט קיינער, „צווישען געדיכטע ביי־מער" אין וואלד אָדער נעבען „אייזערנע קראטען" פון א תפיסה, וואָס געפינט זיך ערגעץ הינטערן שטעדטעל, איז אויך נישט געווען קיין זיכערע בעהעלטעניש פון פרומע, חטאים זוכענדע אויגען, וואָס האָבען געלויערט אויף אלע וועגען. און סוף כל סוף ווערט מען געוואהר פון דער געהיימער ליעבע. עס געפינט זיך שוין איינער אין שטעדטעל, וואס „קלעהרט אוים" אָדער „מאכט" דערפון א ליעד:

דארט געהען זיך פּאארעלעך צוויי,**)
דארט געהען זיך פּאארעלעך צוויי,
ליעבען, ליעבען זיי זיך זעהר —
ס'איז נישטאָ קיין גלייכען צו זיי.

*) באַנד 1, ז. 40.
**) אַנדערע זינגען: מענשעלעך צוויי.

— גענוג שוין מיט מיר צו רעדען,
גענוג שוין מיט מיר צו שמועס'ן;
פיהר מיך שוין אַפּ אַהיים,
דער טאַטע וועט די טיר פאַרשליס'ן.

„אַהיים, לובטשו, וועל איך דיך אָפּפיהרען,
ביים גלעקעלע וועסטו אנקלינגען.
אַ ליעד וועל איך אויס אונז ביידען מאַכען,
די גאַנצע וועלט זאָל פון אונז זינגען."*)

און די געליעבטע הערט „צומאַרגענס אין דער פריה די גאַנצע וועלט קלינגען", נור זי פאַרהאַפּט צו גאָט, „אַז איהרע שונאים וועלען ווערען צושפּרינגען". פילאָזאָפיש און בעטערליך זינגט זי אויס צום סוף:

וואָס דער רעגען ווערט גרעסער,
ווערען די שטיינדעלעך נאַסער;
אונזער ליעבע איז ארויפגעשוואומען,
אַזוי ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער.

ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער שווימט ארויף די געהיימע ליעבע, זי ווערט ווען עס איז ענטדעקט, אָבער די ליעדער פון דער ליעבע — קיינמאָל נישט. דיעזע צירקולירען אום בסוד צווישען דער יונגוואַרג און „פערקלינגען די וועלט" פון אַ פינסטערער קעלער־שטוב אָדער קנייפּיע. און דערפאַר האָבען די יעניגע, וואָס זענען נישט געקומען אין אַ נאָהנטער בעריהרונג מיט די אונטערסטע שיכטען פונ'ם פאָלק, געמוזט קומען צו דער השערה, אַז ביי יודען עקזיסטירט נישט קיין ליעבע, און פאָלגליך — קיין ליעבעס־ליעדער.

* * *

*) באַנד 1, ז. 88.

דאָס יודישע ליבעסליעד איז פון תמיד אָן געווען און געבלי־
בען פערבאָרגען אינ'ם פאָלקס־מויל. עס איז קיינמאָל נישט אויפ־
געטרעטען אין דער עפענטליכקייט און איז נישט געזונגען געוואָ־
רען אויף פאמיליען שמחות, אויף אונטערהאלטונגען, אָדער אזוי
אין דער געגענוואַרט פון א בעל־הבית'ישען עולם, וואו ברחנישע
און אנדערע גאטונגען ליעדער האָבען אלע מאָל געפונען צוהערער.
אלס פּראָדוקט פון די אונטערסטע פאָלקס־שיכטען האָט דאָס ליע־
בעסליעד געמוזט בלייבען אין יענע קרייזען, וואו עס איז געשאפען
געוואָרען; איהר עכט לירישער אינהאלט, איהר נאאיוויטעט און
הארציגקייט איז צופיעל געווען אין קאָנטראסט מיט דער טרוקע־
נער ברחנישער אַטמאָספערע, וועלכע האָט אין די פריהעריגע יאָה־
רען בעהערשט די מיטעלערע פאָלקסשיכטען. און אין אמת'ן, וואָס
פיר א פנים וואָלט עס געהאט און ווי לעכערליך וואָלט עס אויס־
געזעהן, ווען א יודיש מיידעל שטעלט זיך אוועק פאר אן עולם יודען
און יידענעס זינגען אזא מין ליעד:

אָי, וואָס כ'האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפּיחרט,
זאָל איך אַזוי לעבען!
כ'האָב געוואָלט אַ שעהן יינגעלע,
האָט מיר גאָט געגעבען.

כ'האָב געמיינט, אַז ער איז שוין מיין,
כ'האָב איהם שוין באקומען;
איז געקומען אַ שעהנער מיידעלע
און האָט איהם צוגענומען.

און דאָס וואָלט טאקע קיינמאָל נישט געקענט פאסירען, ווייל
ביי א פשוט'ע מיידעל פון פאָלק איז דאָס ליעבעסליעד איהר טיעפ־
סטע געהיימנים, איהר הייליגסטער סוד פונ'ם־הארצען, און דיעזע
הערצענס־סודות זינגט זי נור פאר זיך אליין, אָדער פאר איהרע
אינטימסטע חבר'טאָרינס, בתנאי, ווען א פרעמדער מענש, איבער־

הויפט א מאנספערזאָן איז נישטאָ דערביי. נור פאר איהרע אינ־טימסטע חבר׳טאָרינס קען זיך א פערליעבטע מיידעל בעקלאגען:

ווי אַזוי קען איך לוסטיג זיין,
אַז פארשטערט זענען מיר מיינע וועגען?
אַז איך דערמאָן מיך אָן זיין שעהן פנים,
ווי אַזוי קען איך לעבען!
איך עס און טרינק און שלאף ביי נאַכט,
נאָר מיין הארץ איז מיר פארטראַכט.

ס׳רוב זיצט אָבער די פערליעבטע אליין אין שטיבעלע מיט איהר „פארטראכט" הארץ:

זיץ איך מיר אין שטיבעלע
און טראַכט נאָר וועגען דיר,
ס׳עפענט זיך מיר אַ גריבעלע,
ווען איך הער אַ קלאַפּ אין טיר.
ווייל נאָר צו דיר ציהט מיין הארץ,
מיין הארץ ווייס ניט קיינער. א. ז. וו.

אַדער ווי עס קלאגט זיך אַן אנדער מיידעל:

גאַנצע טעג זיץ איך אַליין,
מיין טייער־לעבען קומט נישט צו געהען;
מסתמא האָט ער שוין אַ צווייטע געפונען,
און מיך האָט ער שוין נישט אין זינען.

דאָס זענען אלץ שטילע, הארציגע מאָטיוועו, געפיהלען פון איינפערזוכט און ליעבע, וועלכע דאָס נאַאיווע פאָלקסמיידעל טראָגט פארבאָרגען אין איהר הארצען, פארבאָרגען פון דער אויסערער וועלט.

גאנץ אנדערש בעציהט זיך דער מאן פון פאָלק צו די דאָזיגע ליעדער. ביי איהם זענען זיי נישט קיין הערצענס־סודות און אי־בערהויפּט זינגט ער זעלטענער פון ליעבע. נור אין גאנץ זעלטענע פעלע, מייסטענס ווען די געליעבטע העבט אָן רעדען וועגען א תכלית, וועגען דעם „ליעבעס־צוועק" — וועגען חתונה האָבען, אָט ראַמאָלס זינגט ער אויך זעהר געפיהלפול. אָפען און זעהר ערנסט ערקלערט ער:

איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען,
כ'קען אָהן דיר נישט לעבען איין מינוט;
דו ביזט ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען,
אָי נעמען, דושעניו, קען איך דיך ניט.*)

אבער נישט אלע מאָל איז ער שולדיג אין דעם, וואָס די ליעבע „קען נישט קומען צו א צוועק", גאנץ אָפט שטערען איהם דעריין זיינע עלטערן, אָדער „דער קיסר נעהמט איהם צו אין סאָלדאטען", אָדער איין אנדער סיבה טרייבט איהם ערגעץ אוועק. ביים צושיי־דען זיך זאָגט ער צו, אז ער וועט נאָך צוריק קומען, אז ער וועט נאָך אמאָל מיט איהר, זיין „טייער־לעבען", א חופּה שטעלען. אמאָל ווערט ער אויך גערירט פון דער געליעבטער'ס טרעהרן, פון איהר טרויעריגער לאגע און ער פערטראַכט זיך וועגען איהר:

דאָרטען אויפ'ן בערגעלע שטעהט נאָך אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע איז שוין לאַנג איינגעבויגען;
דאָרטען שטעהט נאָך מיין געטרייע כלה
מיט איהרע אויסגעוויינטע אויגען.**)

און ער טרייסט זי, זיין „קרוינעשי", זיין „דושעניו", און בעט זי, זי זאָל נישט וויינען, זי זאָל נישט הערען וואָס לייט רעדען...

*) באַנד 1, ז. 144.
**) באַנד 1, ז. 100.

ווייל נאָך אלעמען האָט זי ביי איהם „חן געפונען“; און האָטש זיינע עלטערן בעטען איהם, ער זאָל שוין אָן איהר פערגעסען, פון דעסטוועגען פערזיכערט ער:

נישט איין וואסערל וועט פארביי לויפען,
אונזער ליעבע וועט קיינער נישט פארלעשען.

און נאָך איידער איין וואסערל לויפט פארביי, פארגעסט ער אָן אלע זיינע הבטחות, און זיין ליעבע ווערט פארלאָשען, אזוי גיך ווי עס האָט זיך אָנגעצונדען.

דערפאר איז אָבער די איינפאכע, נאאיווע פאָלקס-מיידעל פיעל שטארקער און דויערהאפטער אין איהר ליעבע; און אז זי ליעבט, ליעבט זי מיט'ן גאנצען פייער פון איהר ריינעם הארצען, איהר גאנצען לעבען ביז אין איהר גרויען צאָפ, ביז אין איהר פינס-טערן קבר, הערט זי נישט אויף צו ליעבען און צו האָפען, צו טרוי-מען און צו זינגען פון איהר חן'עוודיגען געליעבטען:

דיינע אויגען זענען שעהן,
זיי זענען ביי מיר טויער;
מיט דיין ליעבען, זיסען חן
האָסטו אנגעצונדען אין מיין הארץ א פייער.
און מיין הארץ ציהט צו דיר,
אזוי ווי מאגנעט צו אייזען, שטאָהל,
און די ליעבע ברענט אין מיר,
זי ווערט פארגרעסערט וואָס אמאָל.

ווען איך זאָל האָבען פליגעלעך,
וואָלט איך צו דיר געפלויגען א. ז. וו.*)

און אז אין הארצען ברענט דער ליעבעס-פייער און עס ציהט צום געליעבטען „אזוי ווי מאגנעט צו אייזען, שטאָהל“, אין אזא

*) באנד 1, ז. 66.

פאל שטעלט זיך שוין אן אנדער מיידעל נישט צופריעדען בלויז מיט דעם וואונש צו קריגען פליגעלעך, זי נעהמט זיך אונטער:

אויפ׳ן ים׳עלע וועל איך פאָהרען,
אויפ׳ן וואַסערל וועל איך שווימען,
כ׳וועל אַוועקוואַרפען מיינע טייערע עלטערן —
נאָר צו דיר, מיין ליובינקע, וועל איך קומען!

שוין די איינציגע פערזען ציינען אונז, ווי נאַטירליך און שטארק א יודיש מיידעל קען ליעבען און ווי וויים זי קען געהן אין איהר ערשטער, אין איהר יונגער ליעבע.

נאָך שטארקער דריקט זיך אוים איהר ליעבע אין די אבשיעדס־ליעדער. דאָ, ביי׳ם צושיידען זיך פלאקערט עס אויף אין איהרע העלסטע פלאמען; געפיהלען פון טרויער און בענקשאַפט, ליעבע און אייפערזוכט מישען זיך צוזאמען און מאכען אויף איהר א שווערען איינדרוק, און מיט א שווער געמיטה זינגט זי:

מיין האַרץ, מיין האַרץ וויינט אין מיר,
אַז איך דאַרף מיך שיידען יעצט מיט דיר;
מיינע געדאַנקען — אַהין, אַהער,
מיט דיר צושיידען איז מיר שווער.

יאָ שיידען איז שווער, שיידען טוט וועה, אָבער נאָך מעהר שמערצט עס איהר, וואָס זי ווייסט נישט, וואו איהר געליעבטער וועט אהין קומען, אויף וועלכען וועג זי וועט איהם דארפען זוכען. און דאָך שטארקט זי זיך און בעט איהם האָטש:

פון ערשטען שטעדטעלע, פון ערשטען דערפעלע,
דאָס ערשטע בריוועלע שרייב צו מיר;
בעטען בעט איך דיך, מיין זיס־לעבען:
פאַרגעסען זאָלסטו נישט אָן מיר!

װעסטו קומען צו אַ װאַסערל,
זאָלסטו דיך נישט טרענקען;
װעסטו קומען צו אַן אַנדער מײדעלע,
זאָלסטו מיך געדענקען!*)

בײם צושײדען זיך, קען שױן אַן אַנדער מײדעל, נישט בע־הערשען איהרע רחמנות געפיהלען אויף זיך אַלײן, אויף איהר עלענד און הילפלאָזיגקײט און זי פערלירט זיך אין גאַנצען:

און אַז דו פאָהרסט אַװעק, מײן טײער זיס־לעבען,
אויף װעמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
אויף װעמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
אױ, װעה, אַט חלש עך!
אױ, װעה, אַט שטאַרב עך!
דײנע רײד לעגען מעך אַנידער!**)

עס װאָלט אָבער געװען צו פיעל אײנזײטיג, װען איך זאָל דאָ פערבײלאָזען די שטימע פון דעם פערליעבטען. אויך ער פיהלט זיך שטארק געטראָפען בײם צושײדען זיך פון דער געליעבטער, און הגם ער זינגט זעלטענער פון ליעבע, אין אזא פאַל איז אָבער זײן ליעד נישט װעניגער ריהרענד, עס פיהלט זיך אויך אין איהר די ליעבעס־יסורים, דער ליעבעס־װעה, אָבער נישט אזױ שטארק און נישט אזױ אָפען װי אין די ליעדער פון דער פרױ.

מיט אַ פערבאָרגענעם שמערץ זינגט ער:

קום נאָר אַהער, מײן לעבען,
קום נאָר אַהער צו מיר!

---

*) באַנד 1, ז. 82.
**) באַנד 1, ז. 92.

אַ קוש וועל איך דיר, לובטשו, געבען,
און אַנדענקונג זאָלסטו האָבען פון מיר!

אַי, דו פאָהרסט פון מיר אַוועק,
דו געהסט דאָך שוין וואַנדערן;
ביז אַהער האָסטו מיך געליעבט,
און שפּעטער — אַן אַנדערן.

אָבער ער הלש'ט נישט און שטאַרבט נישט, און לאָזט זיך נישט בעהערשען פון דעם אייפערזוכטס געפיהל. איין זאַך וויל ער נאָר פרעגען זיין „לובטשו", זיין „קרוין פון קאָפּ", צי מיינט זי מיט איהם צו פאַרברענגען איהר לעבען?

און זי ענטפערט:

מיינע עלטערן טוען מיך בעטען,
איך זאָל שוין אָן דיר פאַרגעסען;
דיין בילד טו איך אויף מיין הארץ טראָגען,
ווי מיר זענען בייזאַמען געזעסען.

געזעסען זענען מיר אויף איין באַנק,
געזונגען האָסטו מיר שעהנע ליעדער;
אַז גאָט וועט אונז ביידען באַשערען,
וועלען מיר זיך נאָך זעהען ווידער.

און ווי עס ווייזט אויס, איז איהם אזוי גיך נישט באשערט געוועז צו זעהען זיך ווידער. און ער בלאָנדזשעט ארום איבער די גאסען זיך צו צערשטרייען, אָבער איהר געשטאַלט שוועבט איהם פאר די אויגען:

איך געה אַרום און אַלע גאַסען,
און קען מיר די ליעבע נישט פאַסען;

אך, איהרע בלאנדינע האאר,
און איהר שעהנע פיגור!

ווי געזאגט, זינגט דער מאן פון פאלק זעלטענער פון ליעבע, מייסטענס איז דאס א טהעמא פאר יונגע און עלטערע מיידלעך, וועלכע האבען שוין אין דעם ענין פיעל ערפאהרונג.

„א ליעבע פאנגט זיך אן פון א שמייכעל, פון א שמייכעל ביז צו א קיש; ס'נעהמט אוועק ביי'ם קליגסטען מענשען דעם שכל, דאס קליגסטע מיידעל מאכט עס צום ניש'", פילאזאפירט זיך אין א געוויסע ליעדעל; און לויט אן אנדער ליעד „פאנגט זיך אן די ליעבע צוקער־זיס, אבער איהר סוף לאזט זיך אויס זעהר מיאוס".

אונבעשרייבליך זענען די אוצרות פון א מיידעל, „וואס ווערט אבגענארט אין איהר ליעבע; א ביטערער געפיהל פון נקמה ער־וועקט זיך אין איהר, נישט נור צו איהר בעטריגער, נור אויך צו אלע „פאלשע יינגלעך" פון דעמזעלבען מין. אזא מיידעל ווארנט איהרע חבר'טא'רינס נאכדעם ווי זי האט דערצעהלט די גאנצע גע־שיכטע פון איהר אונגליקליכער ליעבע:

הערט'ס נאר אויס, אלע מיידלעך,
קיין ליעבע איז נישט גוט צו קענען;
מען דארף צוזאמען נעהמען אלע פאלשע יינגעלעך
און אויפ'ן פייער זיי פארברענען!

אויפ'ן פייער זאל מען זיי פארברענען,
ביז אויף דראבנע קוילען;
פינף יאהר געפיהרט א ליעבע,
און נישט צו קענען פועל'ן!*)

---

*) באנד 1, ז. 232.

אן אנדער מיידעל קומט דורך איהרע ביטערע ערפאהרונגען און צרות צו אן אנדער בעשלוס:

מיינע צרות האבען מיך ארומגערינגעלט,
אזוי ווי א בעדנארזש א פאס;
חיינטיגע יונגעלעך איז אזוי פיעל צו גלייבען,
אזוי ווי דעם הונט אויף דער גאס!*)

פול מיט גאל און ביטערנים זענען די ליעדער, וואס בעהאנדלען די אונטרייע ליעבע, עס פעהלט אבער אויך נישט אין זיי דאס פאטהעטישע, דאס הארציגע און דאס פיינע געפיהל צו שענקייט, וואס דריקט זיך אוים אזוי רייך און פערשיעדענארטיג כמעט אין אלע אונזערע ליעבעסליעדער.

איך האב מיך דא עטוואס לענגער אבגעשטעלט ביי די דאזיגע ליעדער, כדי צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם פעראינטערעסירטען לעזער אויף די פערבארגענע אוצרות פון דער יודישער פאלקספאעזיע, הויפטזעכליך אויף דער פאלקסלירוק, וועלכע איז פון אונזערע דיכטער און שריפטשטעלער, ליידער ביז אהער נישט בעמערקט געווארען. איך האב דא בלויז ציטירט איינינע תאראקטעריסטישע ליעדער, און הגם יעדעם איינציגע איז פאר זיך א בעזונדערער סטודיום, האב איך נור פערבייגעהענדיג געמאכט וועגען זיי א פאאר בעמערקונגען. ווער עס וויל אבער די דאזיגע ליעדער בעסער פערשטעהן און בעקומען א קלאהרערן בעגריף פון זייער שעהנקייט און פאעטישער קראפט, דער מוז זיי אליין הערען זינגען, אט אזוי ווי זיי ווערען געזונגען פונ'ם פאלק. „א ליעד", זאגט הערדער, „מוז געהערט, אבער נישט געזעהען ווערען; און געהערט מוז עס ווערן מיט דעם אויער פון דער נשמה, וואס מעסט נישט און וועגט נישט און צעהלט נישט בלויז איינציגע זילבען, נור וואס הארכט אויף זיין ווייטערן קלאנג און שווימט אין איהם אוועק".

---

*) באנד 1, ז. 114.

* * *

איבערגעהענדיג פון דער פערבארגענער פאלקסליריק, פון די שטילע, וועהמוטיגע ליעבעס־ליעדער, צו די מעהר פרעהליכערע, לעבענס־לוסטיגע חתן־כלה און חתונה־ליעדער, איז קודם־כל וויכ־טיג צו בעמערקען אז אויך די לעצטע, הגם זיי געהערען שוין נישט צו די פערבאטענע און פערבארגענע, און ווי עס ווייזט זייער אינ־האלט, זענען זיי אויך געזונגען געווארען עפענטליך ביי פערשיע־דענע געלעגענהייטען, פאר אדער נאך דער חתונה, בעריהרענדיג דערמיט דאס געביט פונ'ם מארשעליק אדער בדחן, האבען זיי אבער מיט די שאפונגען פון די לעצטע קיין שייכות נישט. עס קען זיין, אז דאס בדחנישע האט פאר אונז אויך א געוויסען פאלק־לאריסטישען ווערטה, עס שטעהט אבער סיי אין פארם, סיי אין אינהאלט פיעל נידריגער פון אונזער עכטעס פאלקסליעד. און אויך וויפיעל דיעזע בעהויפטונג איז ריכטיג, קענען מיר אויך זעהען פון די פאלגענדע פערזען, וואס איך האב ארויסגענומען פון א געוויסען בדחנישען לידער־ביכעל.*)

דאס בדחנישע חתונה־ליעד פאנגט זיך אן אזוי:

„טוב מעט בכוונה איידער מהרבה שלא בכוונת,
קומט איין בדחן און ברענגט פון דער כלה דעם חתן די זיסע מתנת.
די מתנה איז באלייגט מיט גינגאלד,
דאס איז די מתנה, וואס דער חתן האט פון דער כלה געוואלט.
קומט איין בדחן מיט דער מתנה און שטעלט זיך אויף דער טיר
ביי דער מזוזה
און בעט: רבש"ע איך זאל חלילה ניט קומען צו לעג און צו ביזה.
מורי ורבותי, וועט איהר מיך וועלען פרעגען,

---

*) דער קרומער מארשעליק מיט א בלינד אויג. פערלאג פון ר' יעקב עהרענפרייז, לעמבערג, 1875, ז. 9.

ווי קומט עס אַ בדחן זאָל זיך שטעלען אויף דער טיר ביי דער
מזוזת

וואָרען אותיות מזוזה מאַכט: מי זה ואי זה הוא.
זאָג איך אייך ווערטער, כיין הערט'ס מיך גוט צו,
וועל איך מיך פיר אייערט-וועגען געבען מיה.
דוד המלך ע"ה האָט אויך געזאָגט אַ פסוק אין תהילים:
לכו בנים שמעו לי.
אצינד לאמיר זיין ווערטער מסיים,
די מתנה וואָס איך האָב געבראַכט זאָל זיין די כלה עולת יפת
און דעם חתן לחיים.
איך קען דאָך ניט זאָגען, אַז אותיות מזוזה זאָל מאַכען:
מי זה ואי זה הוא.
איך מוז דאָך זאָגען אַז אותיות מזוזה מאַכט:
מאַרשעליק זה וועט זאגען היום.

דאָס איז אַן אויסגעצייכענטער סאַמפּעל פון בדחנישער דיכ־טונג און נישט אומזיסט שטעהט עס אויפ'ן שער-בלעטעל פון דעם דעם דערמאָנטען ביכעל: „עס איז זייער שיין צו לייענען די ליעדער וואָס דער מאַרשעליק האָט געזונגען". יאָ דער מאַרשעליק האָט זיי געזונגען, אָבער נישט דאָס פאָלק און דערפאַר האָבען זיי אויך נישט געקענט האָבען קיין איינפלוס אויף אונזער עכטען פאָלקס־געזאַנג.

נישט דער פּוילישער מאַרשעליק און נישט דער ליטווישער בדחן, וועלכע קענען מיט זייערע ליעדער און גראַמען אין דערזעל־בער צייט אי לאַכענדיג, אי וויינענדיג מאַכען דעם גרעסטען חתונה־עולם; נישט זיי, די פּאָעטען פון דער אַלטער יודישער קהלה וואָל־טען מסוגל געווען צו שאַפען, אַזעלכע נאַאיווע, האַרציגע ליעדלעך, ווי די, וועלכע זענען געשאַפען און געזונגען געוואָרען פונ'ם פאָלק. ליעדלעך, וואָס פיהרען אונז אריין אין די פערבאָרגענסטע ווינ־קעלעך פונ'ם פאָלקס-לעבען, ענטפּלעקען פאַר אונז אַן אונבעקאַנטע

וועלט פון פרייד און צער, און זענען בכח אין אייניגע פערזען צו שילדערן, נישט נור א געוויסע פאסירונג, א מאמענט, נור אויך גאנצע עפאכען פון דער אינערער פאלקס־געשיכטע, ווי דאס צייגט אונז דאס פאלגענדע:

פאחרען מחותנים
איבער אלע גאסען,
פרעגען ביי ר׳ לייזער׳ן
א טאכטער צו פער׳קנס׳ען.
זאגט דער טאטע: „יע!“
זאגט די מאמע: „ניין,
מיין טאכטער האסעלע
איז צו דער חופה קליין!“

דאס האט געקענט פאסירען גאר אמאל, פערצייטען, ווען די עלטערן האבען געהאט די גאנצע דעה אין א שידוך, און „האסעלע“, די כלה־מיידעל האט געדארפט זיצען און שווייגען און טון, וואס טאטע־מאמע און וואס גוטע און פרומע לייט האבען געהייסען. פלעגט טרעפען, אז די פרומע, צניעות׳דיגע יודישע טאכטער האט שוין ניט געקענט מעהר פערבארגען אין זיך דאס נאטירליכע גע־פיהל פון ליעבע, און האט זיך אויף עפעס אונבעשטימטעס אנגע־פאנגען בעקלאגען, האט עס די גוטע, געטרייע מאמע געדארפט טרעפען, אבער אויף א קלוגען און פיינעם אופן:

יאמע יאמע שפיעל מיר א ליעדעלע,
וואס דאס מיידעלע וויל?
„דאס מיידעלע וויל א פאאר שיכעלעך האבען,
מוז מען געהן דעם שוסטער זאגען!“
„ניין, מאמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניש׳ פארשטעהן,
דו ווייסט ניש׳ וואס יאך מיין!“

און די מאמע פראוואוט טרעפען, אפשר א קליידעלע, א היי־טעלע, א פאאר אויריגגליך? און ענדליך:

יאמע, יאמע שפיעל מיר א ליעדעלע,
וואס דאס מיידעלע וויל?
„דאס מיידעלע וויל א חתן'דעל האבען,
מוז מען געהן דעם שדכן זאגען!"
„יא, מאמעשי, יא!
דו קענסט מיך שוין פארשטיין,
דו ווייסט שוין וואס יאך מיין!*)

די צייטען האבען זיך געביטען און צוזאמען מיט זיי אויך די ליעדער. דאס אמאליגע צניעות און שעמעוודיגקייט איז פערשוואונדען. א „היינט־וועלטיגע" מיידעל ווארט שוין נישט די מאמע זאל טרעפען איהר הארץ; זי דערצעהלט עס דרייסט און אפען, זי בעט נישט, נאר זי פאדערט:

מאמעשי מאך מיר חתונת!
„טאכטער, ס'איז נאך צייט!"
מאמעשי, מאך מיר חתונת,
א געלעכטער אן א זייט.

מאמעשי, מאך מיר חתונת,
„טאכטער ס'איז ניטא קיין געלט!"
מאמעשי יאך וויל נישט וויסען,
כ'וויל אויך וויסען פון א וועלט!**)

ווי מיר זעהען, זענען די דאזיגע ליעדער אלע צוזאמען און יעדעס איינציגע פאר זיך, דער געגענשטאנד פון זעהר אן אינטערעסאנטען סטודיום. און ווען איך וואלט געפרואווט געבען א פור־

---

*) באנד 2, ז. 9.
**) באנד 2, ז. 15.

לע האראקטעריסטיק פון יעדער ליעדער־גרופע בעזונדער, וואָלט דיזע איינלייטונג געמוזט אַנוואַקסען צו אַן אומפאַנג־רייכען בוך*). כדי דאָס צו פערמיידען, וועל איך דאָ מוזען פערבייגעהן אָהן א בעמערקונג, די ליעדער וואָס בעהאַנדלען דאָס פאַמיליען־לעבען, די וויעגען־ליעדער, סאָלדאַטען, ארבייטער, רעליגיעזע און די אַלע אַנדערע ליעדער פון פערשיעדענעם אינהאַלט. איך וועל דאָ בלויז נאָך עטוואָס אָנמערקען וועגען אונזערע קינדער־ליעדער, וועלכע זענען פאַר אונז נישט ווענינגער וויכטיג. אפילו צווישען די אונבעדייטענדסטע פון זיי, וועלכע בעשטעהען דאכט זיך בלויז פון גראַמען, אונפערשטענדליכע ווערטער, און קינדערשע פּלאַפּלע־ריי, איז פיעל מאָל פערבאָרגען א געוויסער זינן, א געוויסע פּאַסירונג.

אזא מין אונבעדייטענד קינדער־ליעדעל האָט מיר א חדר־ייני־געל אמאָל פאַרגעזונגען מיט א מיליטערישע סיגנאַל־מעלאָדיע. אויף מיין פראַגע, וואָס לאָזט מיך דאָס ליעדעל הערען און ווי קומט עס, וואָס ער זינגט עס מיט אזא מין נגון, האָט ער מיר דערויף געענט־פערט מיט א חדר־ייִנגעלשען אַנעקדאָט —

„מאַן רבי, ר' יוסל בער, האָט אַמול געשיקט אַ ייִנגעל פין אינ־זער חדר צי קויפען פאַר א זעקסער באַיגל מיט קעיז. איז דוס ייִנגעל דאַרוואַל אוועקגעלאָפען אָפּן וואַינעם פּלאַץ, ווי זעלנער האָבען זעך מאַרשטירט אין איז דאָרט אָפּגעווען א גאַנצען טוג. פאַר נאכט איז ער צריק געקימען אין חדר אראַן מיט'ן זעקסער אין האַנט אין האָט געזינגען דוס ליד'ל מיט'ן זעלנערישען מאַרש, אזוי:

רבי ס'איז נישטו קאַן באַיגעל,
רבי ס'איז נישטו קא קעי—קעי—קעיז!
נאַט אַך אוף דעם זעקסער,
זאָט נישׂ' אָף מאָר ביי—ביי—בייז!

---

*) אַזאַ אַרבייט קען געטהאָן ווערען, ווען עס וועט געזאַמעלט ווערען אַ גרעסערע צאָהל ליעדער פון ליטע, פּוילען, פּאָדאָליען און אַנ־דערע געגענדען.

אז די קינדער־ליעדער און איבערהויפּט די דאַזיגע, וואָס ווע־רען געזונגען פון חדר־יינגלעך זענען פול מיט וויץ און בייסענדען הומאָר, וועט דער לעזער גלייך בעמערקען, ווען ער וועט דורך בלע־טערן די פערשיעדענע אבטיילונגען פון די דאזיגע ליעדער. אלס ביישפּיעל וועל איך דאָ ברענגען א ליעדעל, וואָס די ווארשעווער הדר־יינגלעך זינגען אין פּויליש און דוקא מיט'ן נגון פון דער הפטורה:

— יעמוד ר' יהודה!

— יאַ ניע פּודע. 1)

— דלאַטשעגאָ טי ניע פּודזשעס? 2)

— באָ יאַ ניע אומיעם. 3)

— דלאַטשעגאָ טי ניע אומיעש? 4)

— באָ אויציעץ מניע ניע אוטשיל. 5)

— דלאַטשעגאָ צי ניע אוטשיל? 6)

— באָ אָן סאַם קרענק אומיאַל!.. 7)

אַט אזוי האָט דער קינדער־מונד קונציג איראניזירט די „פּאָ־לאַקען פון משה'ס גלויבען".

עס לאָזט זיך מערקען, אז פּיעלע פון אונזערע קינדער־פּער־זען זענען ברוכשטיקער, שיריים פון אלטע לאנג פארגעסענע ליע־דער, וועלכע זענען אמאָל געזונגען געוואָרען פון ערוואקסענע. א טייל זענען שוין אלט פּיעלע הונדערטער יאָהרען און זייער אור־שפּרונג לאָזט זיך היינט שווערליך ערקלעהרען, אנדערע שיינען צו

1) איך וועל נישט געהן. 2) פאר וואָס וועסטו נישט געהן? 3) ווייל איך קען נישט. 4) פאר וואָס קענסטו נישט? 5) ווייל דער טאַטע האָט מיך נישט געלערנט. 6) פאר וואָס האָט ער דיך נישט געלערנט? 7) ווייל ער האָט אַליין אַ קרענק געקענט.

זיין נישט אזוי אלט און דאָך איז שווער צו בעשטימען די צייט פון זייער ענטשטעהונג, ווי צ. ב. דאָס פאָלגענדע, וואָס די קינדער זינגען בעת זיי שפּיעלען זיך אין „לויפען" אָדער אין „חאפּערלאָך". איין יינגעל יאָגט נאָך דעם אנדערן, פּרובירט איהם חאפּען און די איבריגע זינגען:

אָי אונזערע פּוילען,
זענען אנגעגען יידען!
אָי אונזערע פעלדער
זענען פארגאסען מיט בלוט.
הייבט מען אָן ארום צו יאָגען,
הייבט מען אָן ארום צו פלאגען,
דאַלי 1) אויף די פערד,
דאַלי צום געוועהרד! 2)
איינס, צוויי, דרא, 3)
מאָכען מיר פּליטה ארא! 4)

איך גלויב, אז פון די פּיעלע ליעדער פּראבען, ערקלעהרונגען און ביישפּיעלע, וואָס איך האָב דאָ געבראכט, וועט גענוג זיין אפילו פאר דעם דורכשניטס-לעזער זיך צו מאכען אַ בעסערן בעגריף פון די דאָזיגע ליעדער, וועלכע ער האָט פריהער געהערט און אפשר אליין געזונגען, און דאָך קיין אויפמערקזאמקייט זיי נישט נע־שאנקען.

פאר די יעניגע, וועלכע זענען מעהר פעראינטערעסירט אין דעם ענין, וועט געוויס אינטערעסאנט זיין צו וויסען, ווען און וואו, און אויף וואָס פאר אן אופן איך האָב די דאָזיגע ליעדער געזאַ־מעלט; ווי אזוי איך האָב מיך נוהג געווען ביים אויפצייכנען דעם טעקסט, די מעלאָדיען, די וואריאנטען, קורץ, אלץ וואָס קען אינ־טערעסירען דעם פאך־מאן וועל איך דאָ בקיצר ערקלעהרען.

---

1) ווייטער, פאָרווערטס, אין פּויליש — Dalej (2 אנדערע זינגען: געוועהר. 3) דריי. 4) אַרוין.

* * *

רי מייסטע ליעדער האָב איך געזאַמעלט אין וואַרשוי, צווי־שען די יאָהרען 1896—1901.

אָהן זייטיגע מיטהעלפער, אונמיטעלבאַר, נישט פון ביכער און נישט פון מאַנוסקריפטען, נור דירעקט פונ׳ם פאָלקס־מויל האָב איך געזאַמעלט מיין מאַטעריאַל. און שוין ביי די ערשטע פּאָאר ליעדער, וואָס איך האָב פערצייכענט, האָב איך בעמערקט, אַז טעקסט און מעלאָדיע לאָזען זיך נישט צושיידען, אַז לעזען אָדער רעקלאַמירען אַן עבטעם פאָלקסליעד האָט קיין זינן נישט, און אַזוי ווי איך האָב די מעלאָדיען נישט געקענט פאַרצייכנען, בין איך געוועזען געצוואונגען זיי אויסצולערנען אויף אויסווענינג.

און דאָס איז פאַר מיר געוועזען אַ גרויסער געווינס. קענענדיג אַ היבש ביסעל פאָלקסליעדער אויף אויסווענינג, האָט עס מיר געגעבען דעם פאַרצוג פון אַנדערע זאַמלער, נישט צו קומען צום פאָלק אַלס אַ פרעמדער פאָרשער, נור אַלס אַן איינפאַכער היימי־שער זינגער, פאַר וועמען טיר און טויער זענען אָפען.

און אָט איז אַ קליינער עפּיזאָד, ווי אַזוי איך האָב אָנגעפאַנגען זאַמלען מיין מאַטעריאַל.

איך האָב מיך ערגעץ וואו בעקענט מיט אַן אַרבייטער, אַ יונגען בעל הבית׳ל, ביי וועמען אין הויז עס פלעגען זיך צוזאַמען קומען זיינע און זיין ווייבעל׳ס חברים און חבר׳טאָרינס, בחורים און מיידלעך מיט וועמען זיי האָבען געאַרבעט צוזאַמען. יעדען שבת, סיי ווינטער, סיי זומער פלעגט זיך דאָס יונג־וואַרג אַהין צוזאַמענקלייבען טאַנצען, זינגען, שטיפען און אַזוי פערברענגען פרעהליך די צייט. דאָס איז געוועזען אַ מין „קנייפּיע“, אָבער אַן אַנשטענדיגע.

קום איך איינמאָל אין אַ שבת פאַר נאַכט צו דעם דאָזיגען בעקאַנטען מיינעם, וואו מען האָט שוין פון פריהער געוואוסט, אַז

איך בין שטארק „פארקאָכעט" אין לידער, און ברענג די פרעה־ליכע בשורה, אז איך קען נייע לידער...

— אי, נייע לידער! — האָט זיך דער עולם מיט פרייד אָנגעחאפט.

— אָבער שעהנע לידער — פּרוביר איך פּעראינטערעסירען.

— נו זינג שוין, זינג, לאָמיך הערען! — האָט מען מיר צוגערופען פון אלע זייטען. און איך האָב מיך לאנג נישט געלאזען בעטען און אנגעפאנגען:

באַ מיין מאַמעס הייזעלע, הייזעלע,
בין יאָך מיר געשטאַנען,
אָך מיין טייער־לעבען
איז פאַר ביי געגאַנ'ען!

נאָר געגוג, מעהר האָט מען שוין נישט געדארפט. דער עולם האָט אויסגעשאָסען אין אזא געלעכטער, אז איך בין א היבשע ווײלע געבליבען שטעהן ווי א „געפלעפטער" און האָב פאר שאנדע נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טהאָן. נור באלד בין איך צו זיך געקומען און האָב כלומר'שט מיט פערוואונדערונג אויסגערופען:

— וואָס איז? וואָס האָט איהר זיך אזוי פאנאנדער גע־לאכט? פון וואָס איז דאָ דאָ צו לאכען?

— ווען יאָך בין א קליין מאַידעלע געוועזן, האָב יאָך שוין דום לידעל געזונגען — האָט זיך געוויצעלט אן עלטערער בחור.

— מיין באָבע האָט שוין דאָס לידעל געזונגען — האָט א מיי־דעל שעהמעוודיג בעמערקט.

— נו גאָה שוין, גאָה, עס פּאַסט גאָר נישט פאר דיר צו זינ־גען אזעלכע קינדערישע לידלעך — האָט מיט אַן ערענסטע מינע זיך געווענדעט צו מיר מיין בעקאַנטער בעל הבית'ל — דו זינג אונז בעסער דאָס ליעד פונ'ם „פאַרזאָרגטען בעל הבית'ל" אָדער פון „דעם זייגער מיט'ן שפּיעגעל" אָדער גאָר דאָס ליעד פון „אַריסטאָקראַט".

— יאָ, יאָ, פּונ'ם „ריסטאָקראט" — האָבען די מיידלעך אונ־טערגעחאפּט.

איך האָב מיך ווידער לאנג נישט געלאָזען בעטען און גע־זונגען פון דעם „אריסטאקראט" פון „פּערזאָרגטען בעל הבית'ל" און נאָך איינינע צונזער'ס און גאָלדפאדענ'ס ליעדער, דורך וועל־כע איך האָב צוריק בעקומען מיין רעפּוטאציע. איך האָב געזונ־גען פּינקטליך, גענוי צום טאקט, שטארק אקצענטירט די גראַמען און דער עולם האָט אנגעהויבען קוקען אויף מיר מיט ליעבע און דרך ארץ, כמעט ווי אויף אַן אמת'ן זינגער.

איך האָב מיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און ווידער אנגעפאנגען קומען צו דאָס מייניגע:

— זעהט איהר, אז איהר האָט פריהער געלאכט אומזיסט און אום נישט. אָט האָב איך אייך געוויזען, אז איך קען אויך אנדערע און פערשיעדענע שעהנע ליעדער זינגען, נור איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, איך פיהל אָבער, אז די אלע קומען נישט צו דאָס דאָזיגע ליעדעל, וואָס איך האָב פריהער געזונגען. איהר רופט עס קינדעריש, איהר זאָגט, אז אייער באבע האָט עס שוין געזונגען, דאס קען זעהר מעגליך זיין און איך מיין, אז עס איז טאקע אזוי. ווייסט איהר אָבער ווען אייער באבע האָט עס געזונ־גען? ווען זי איז נאָך א יונג מיידעלע געווען, ווען זי איז פאר־ליעבט געווען... און אפשר האָט זי גאר דאמאָלסט אליין אויסגע־טראכט דאָס דאָזיגע ליעדעל!..

— ווען׳עס באבע? — האָט א מיידעל נייגעריג א פרעג געטהאָן.

— עס מאכט נישט אוים וועמעס באבע דאָס איז געווען, איך גיב אייך נור א ביישפּיעל. גלויבט'ס מיר, אז איך אליין האָב עס נישט געהערט פון מיין באבען, נור טאקע פון א מיידעל, און דוקא א שעהן מיידעל האָט עס מיר נעכטען געזונגען. איז מיר דאָס ליעדעל אזוי געפעלען געוואָרען, אַז איך האָב עס מיר אוים־

געלערנט אויף אויסווענינ. אָט וועל איך עס אייך נאָך אַמאָל איי־בערזינגען, איהר מעגט אייך צוהערען. און נישט ווארטענדיג אויף זייער צושטימונג האָב איך ווידער אָנגעפאנגען:

בּאַ מיין מאַמעס הייזעלע, הייזעלע,
בין איך מיר געשטאַנען,
אַך מיין טייער־לעבען
איז פאר ביי געגאַנ׳ען!

מיט די בלאַע אייגעלער, אייגעלעך,
מיט די בלאָנדע האָאָר,
כ׳האָב געמיינט, אַז וואָס ער רעדט,
איז דאָך אַלץ וואָהר!

— נו, וואָס זאָגט איהר אצינד, אַ יאָ ס׳איז אַ שעהן ליעדעל?

— אָבער דאָס איז דאָך נישט אין גאַנצען — האָט אַ מיידעל פערדריסליך בעמערקט — חנה קען עס אין גאַנצען.

— וועל איך טאַקע בעטען חנה׳ן זי זאָל עס מיר זינגען!

אָבער חנה האָט בשום אופן נישט געוואָלט זינגען, טענה׳נדיג אַלץ, אַז זי קען נישט, אַז זי האָט עס שוין לאַנג פארגעסען.

— ווייסט איהר וואָס, חנה — בין איך געפאַלען אויף אַ פּלאַן —אַז איהר וועט מיר זינגען דאָס ליעדעל, וועל איך אייך דערפאר זינגען דאָס ליעד פון דער „בייקע".

— יאָ, יאָ! — האָבען אַלע אין איין קול צוגעשטימט.

— אויב חנה וויל נישט, וועל איך עס אייך זינגען! — האָט זיך ארויסגעחאפּט אַן אנדער מיידעל, שוין גאָר נישט קיין שע־מעוודיגע — איך וועל אייך זינגען די פּאאר „פּאַלען", וואָס איהר האָט פארפעהלט. אָט הערט אייך צו ווי דאָס געהט ווייטער:

אָי וועת, מאַמעשי, מאַמעשי,
מאַמעשי איך פאל!

זינט כ'האב אַנגעהויבען אַ ליעבע פּיתרען,
פּלאַצט אין מיר די גאַל.

אַ ליעבע צו פּיתרען, צו פּיתרען,
איז דאָך גאָר קיין ווינדער;
עס נעהמט ארויס די מאַרך פון די ביינער,
פון יעדען אבר באַזינדער!*)

עס פערשטעהט זיך, אז איך בין געווען ענטציקט פונ'ם ליע־דעל און געלויבט ביז אין הימעל אריין די זינגערין, וואָס האָט עס אזוי שעהן געזונגען. איך האָב געהאַלטען וואָרט און אויך געזונ־גען די „בייקע", וועלכע דער עולם האָט אויפגענומען מיט גרויס בעגייסטערונג און ביי'ם סוף פון יעדער סטראָפע איבער געזונ־גען דעם רעפריין:

די שונאים זאָלען אַזוי לעבען,
צי מע האָט מיר אַ ציגעלע געגעבען!

און קוים איז מיר נור געלונגען צו שאַפען די געהויבענע שטי־מונג פאַר'ן געזאַנג, איז עס שוין אוועק ווי אַ מזמור. יעדער איינער האָט שוין נישט געבעטענערהייט אָנגעפאַנגען זינגען און געזוכט ארויסצואווייזען זיין קענטניש; עס איז ענטשטאַנען אַ מין וועט־געזאַנג. נאַטירליך האָב איך מיר בענוצט מיט דער געלעגענ־הייט און פערצייכענט, אלץ וואָס איז געווען פאַר מיר וויכטיג, פערצייכענט און מיטגעזונגען מיט'ן עולם איינשטודירענדיג די מעלאָדיען.

אזוי האָב איך ווידערהאָלט מיין עקספּערימענט אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב נעפיהלט, אז אין דעם דאָזיגען קרייז האָט זיך שוין אויסגעשעפּט דער גאַנצער ליעדער־קוואַל. דאַן האָב איך אָב־

*) באַנד 1, ז. 150.

געזוכט א נייעם אָרט, א נייעם קרייז בעקאנטע, וואו איך האָב אויף אזא אָדער אויף אן עהנליכען אופן בעקומען א צוטריט צו די פער־באָרגענע אוצרות פונ׳ם יודישען פאָלקס־געזאנג.

* * *

ווי איך האָב שוין אויבען בעמערקט, האָב איך די מייסטע ליעדער געזאמעלט אין ווארשא, פיעלע פון זיי געהערען אָבער אויך דער פראָווינץ און שטאמען פון פערשיעדענע שטעדט און שטעדט־לעך אין פוילען. איך האָב זיי דאָס רוב בעצייכענט מיט „ווארשא“, ווייל די זינגער און זינגערינס האָבען מיר פערזיכערט, אז זיי זיינען ווארשעווער, ווארשעווער געבוירענע*).

אין ענגלאנד און אמעריקא, וואו איך האָב שפעטער אויס־געוואנדערט, איז מיר אויך געלונגען צו זאמלען א היבשע צאָהל ליעדער, וועלכע שטאמען פון ליטא און פאדאליען, און אייניגע פון גאליציען און רומעניען.

הגם לויט די פערשיעדענע געגענדען און שפראך־געביעטען פון וואנען דער מאטעריאל איז צוזאמענגעקליבען, וואָלט פאר דער יודישער שפראך־פאָרשונג זעהר וויכטיג געווען, אז די ליעדער זאָלען ערשיינען אין זייערע פערשיעדענע דיאלעקטען און אונ־טערמונדארטען, אין וועלכע זיי זענען געזונגען געוואָרען. איבער פערשיעדענע טעמים האָב איך אָבער בעסער פאָרגעצויגען זיי צו שרייבען אין דער אלגעמיין אנגענומענער ליטעראטור־שפראך. ערשטענס איז דיעזע זאמלונג בעשטימט פאר די ברייטסטע לע־זער־קרייזען, וואו עס איז נאָך, לעת עתה, קיין שום אינטערעס נישטאָ פאר דער צוקינפטיגער יודישער פילאָלאָגיע, און צווייטענס, ווען איך וואָלט אפילו געפרופט שרייבען דעם טעקסט פאָנעטיש, לויט די פערשיעדענע דיאלעקטען, וואָלט עס מיר בשום אופן נישט

(*

געלונגען דורך דעם יודישען אלף־בית, וועלכע פערמאגט נישט גע־ נוג אותיות פאר די פערשיעדענע קלאנגען פון אונזער שפראך.

א ווארשעווער ליעדעל געשריעבען אין דעם דאָרטיגען דיא־ לעקט, וואָלט געקלונגען אונגעפעהר אזוי:

אך פוטאָ, אך פוטאָ,
ווי איז אינזא ליבא מיטאָ?
וואוס זי האָט אינז געבודן
אין מילאך אין אין פיטאָ?

דאָס וואָלט קוים פערשטענדליך געווען פאר דעם ליט־ ווישען לעזער. נאטירליך, וואָלט איך ביי יעדען וואָרט געמוזט מאכען א בעמערקונג. „פוטא" — פאטער, „ווי" — וואו, „אינזאָ" — אונזער, „ליבא" — ליעבע, „מיטא" — מוטער, „פיטא" — פוטער א. ז. וו. און נאָך אלעמען, וואָלט ער נאָך נישט געהאט קיין בעגריעף, ווי אזוי עס קלינגט דער „יוד" אין די ווערטער „מיטאָ", „אינזא", פיטא". אגב וואָלט איך אויך געמוזט יוצא זיין פאר דעם פוילישען און דרום־רוסישען לעזער, אויב נישט, וואָל־ טען זיי געלעזען דעם קמץ ווי א מלופן און דעם מלופן ווי א חיריק, און ס'וואָלט אויסגעקומען: „אך פיטו, ווי איז אינזו ליבו מיטו". ווידער נישט פערשטענדליך. עהנליכעס וואָלט אויך געמוזט פאַ־ סירען מיט דעם ליטווישען און דרום־רוסישען דיאלעקט.

פעסטשטעלען א כלל, איבערגעבען די פערשיעדענע קאָנסאָ־ נאַנט און וואָקאל קלאנגען פון אלע יודישע דיאלעקטען און אונ־ טערמונדארטען, דורך דעם יודישען אלף־בית, איז פשוט אונמעג־ ליך. דערצו איז נאָר פאסיג דער לאטיינישער אלפאבעט*). איך האלט אבער, אז יודיש דארף זיך נישט צושיידען מיט זיין הי־

*) זעה דאָס ארטיקעל: „די קלאנגען פון יודיש און דער יודישער אלף־בית" אין „דאָס נייע לעבען", 1909, העפט 9, 12, און „רעפאָרם אין דער יודישער שפראך" אין „לעבען און וויסענשאפט", 1909, נומ. 1.

סטאָרישען אלף־בית, איבערהויפּט ווען עס האנדעלט זיך וועגען פאָלקספּאָעזיע.

אויסער דעם דיאַלעקט, האָב איך אַלע ליעדער פערצייכענט גענוי, ווי זיי ווערען געזונגען פונ'ם פאָלק. איך האָב אין ערגעץ נאָר נישט צוגעגעבען און נישט ארונטערגענומען, אפילו דאָרט, וואו איך האָב בעמערקט, אז עפּעס פעהלט אָדער ס'איז איבעריג. נישט מעהר, ווען איך פלעג בעקומען פון מעהרערע פּערזאָנען, איינס און דאָסזעלבע ליעד, פלעג איך נאַטירליך אויסוועהלען דאָס יעניגע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גרעסערן אומפאנג און גאנצקייט. קוים אָבער האָב איך בעמערקט א בעדייטענדען אונטערשיעד אין זייער אינהאלט אָדער נוסח, האָב איך זיי שוין אויפגענומען אַלס וואריאנטען און פערצייכענט אַלס זעלבסטשטענדיגע ליעדער.

איך האָב אויך נישט אויסגעשלאָסען די זעלבסטשטענדיגע איין־סטראָפיגע ליעדלעך און אויך נישט די יעניגע פערזען, וואָס זענען פערבליבען אַלס פראגמענטען, ברוכטיילען פון גרעסערע אָבער שוין כמעט פערגעסענע ליעדער, וועמעס מעלאָדיען עס בלאָנדזשען נאָך ארום צווישען פאָלק.

אין 1901, ווען ס'איז ערשיענען די רייכע פאָלקסליעדער זאַמלונג פון גינזבורג און מארעק, האָב איך נאָך אמאָל דורכגעקוקט מיין מאַטעריאַל און האָב אויסגעשטראָכען פון מיינע זאמלונגען די יעניגע ליעדער, וועלכע האָבען זיך מיט קיין זאך ניט אונטערשיידעט פון די, וואָס זענען שוין געווען אָבגעדרוקט אין זייער זאמלונג, געלאָזען האָב איך נאָר א 60 וואַריאַנטען.

ביים צוזאמענשטעלען די פערשיעדענע ליעדער־גאַטונגען, האָב איך מיך נישט נוהג געווען ווי אנדערע זאמלער, ד. ה. איך האָב נישט אנגעפאנגען מיין גרופּירונג פון היסטאָרישע, רעליגיעזע, וויעגען און קינדער־ליעדער, א. ז. וו. איך האָב מיט א כוון געבראָכען דעם מנהג און אָנגעפאנגען מיט די ליעבעס־ליעדער, כדי באלד פון אנפאנג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם לעזער אויף דאָס

שעהנסטע און וויכטיגסטע פון אונזער פֿאָלקס־געזאַנג — אויף דער עבֿטער פֿאָלקסלירים, וועלכע איז פערטראַטען אין דעם דאָזיגען ערשטען באַנד, דורך 130 ליעדער.

דער צווייטער באַנד איז איינגעטיילט אין פֿאָלגענדע ליעדער־גרופען:

1) חתן־כלה און חתונה ליעדער; 2) פאַמיליען־ליעדער; 3) וויעגען־ליעדער; 4) קינדער־ליעדער; 5) רעטעניש־ליעדער; 6) סאָלדאַטען־ליעדער; 7) אַרבייטער־ליעדער; 8) פּורים־ליעדער; 9) רעליגיעזע־ליעדער; 10) ליעדער פון פערשיעדענעם אינהאַלט.

ביידע בענדער צוזאַמען ענטהאַלטען 331 ליעדער און 175 מעלאָדיען.

די מעלאָדיען צום טעקסט האָט געשריעבען דער בעקאַנטען ניז־יאָרקער קאַנטאָר ה' ה. רוססאָטאָ, וועמען איך דאַנק דאָ עפענטליך פאַר זיין שווערער און געוויסענהאַפטער אַרבייט. לויט מיין וויסען, האָט ה' רוססאָטאָ פערצייכענט די מעלאָדיען פּינקטליך און גענוי, ווי איך האָב זיי פאַר איהם געזונגען, מיט אַלע זייערע גרייזען און חסרונות, אָט אַזוי, ווי איך האָב זיי אויפגענומען פונ'ם פֿאָלקס־מויל.

הגם נישט זייענדיג קיין מוזיקער, האָב איך פערשטאַנען, אַז די פֿאָלקס־מעלאָדיען, אַזוי גוט ווי די פֿאָלקסליעדער, דאַרפען צום ערשטען מאָל ערשיינען אין זייער אורשפּרינגליכער פֿאָרמע, אין זייער אייגענאַרטיגען טאַקט. שפּעטער קען קומען דער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר, און שעפּען זיינע מאָטיווען פון דעם ערשטען, אורשפּרינגליכען קוואַל, און זיי בעאַרבייטען און אויספיינערן, ווי זיין האַרץ געלוסט.

* * *

צום שלום וויל איך דאָ אויך אויסדריקען מיין הערצליכסטען דאנק צו אלע מיינע פריינד און בעקאנטע, און צו אלע די יעניגע, וואָס האָבען מיר מיט פערגעניגען מיטגעטיילט און געזונגען די דאָזי־גע ליעדער.

ווי לאנג איך וועל לעבען, וועל איך נישט פארגעסען יענע שבתים, יענע פארנאכטען, יענע טייערע און זיסע שטונדען, ווען „געזעסען זענען מיר אויף איין באנק און געזונגען האָט איהר מיר שעהנע ליעדער"; ליעדער, וואָס האָבען פאר מיר ענטפלעקט אייערע הייליגסטע הערצענס־סודות, אייער בענקשאפט און ליעבע, אייערע ליידען און פריידען, — קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך זיי נישט פארגעסען! — און אלץ וואָס איהר האָט מיר געזונגען און אנפערטרויט דורך די לאנגע פופצעהן יאהר פון מיין זאמלער־טעטיגקייט, גיב איך יעצט איבער אין דער עפענטליכקייט. זאָל די וועלט בעקאנט ווערען מיט א וויכטיגען טייל פון דער יודישער פאָלקספּאָעזיע, און זאָל דער יודישער דיכטער און טאָן־קינסטלער שעפּען בעגייסטערונג און ערפרישונג פונ'ם ריינעם פאָלקס־קוואל, און פריש און פריי זאָל וויעדער ערשאלען דאָס יודישע פאָלקסליעד!

ברוקלין, נ. י., דעצעמבער, 1910.

יהודה ליב כהן.

I.
יונגע ליעבע

1.

אָי, וועה, מאמעשי!
כ'וועל דיר עפּעס זאָגען:
א שעהן יינגעלע האָב איך ליעב,
כ'שעם מיך אויסצוזאגען.

„זאָג, זאָג, טאָכטערשי,
כ'וועל דיר גאָר נישט טיען!
כ'וועל נאר נעמען א טעפּעלע וואסער
און וועל דיר אָפּבריהען!"

(ווארשא)

1 Oj, weh, mameschi.

אי, וועה, מאמעשי!



2.

אָי, וואס כ׳האָב געוואלט, האָב איך אויסגעפיהרט,
זאל איך אזוי לעבען!
כ׳האָב געוואָלט א שעהן יינגעלע,
האָט מיר גאָט געגעבען.

כ׳האָב געמיינט, אז ער איז שוין מיין,
כ׳האָב איהם שוין באקומען;
איז געקומען א שעהנער מיידעלע
און האָט איהם צוגענומען.

(ווארשא)

2 Oj, wus ch'hob gewolt.

אַי, וואס כ'האָב געוואָלט



3.

ווי אזוי קען איך לוסטיג זיין,
אז פארשטערט זענען מיר מיינע וועגען?
אז איך דערמאָן מיך אָן זיין שעהן פנים,
ווי אזוי קאָן איך לעבען?

איך עס און טרינק און שלאָף ביי נאכט,
נאָר מיין הארץ איז מיר פארטראכט.
ווי אזוי קען איך לוסטיג זיין,
אז פארשטערט זענען מיר מיינע וועגען?
אז איך דערמאָן מיך אָן זיין שעהן פנים,
ווי אזוי קען איך לעבען?

(וואַרשא)

8 Wie asoi ken jach lüstig san.

ווי אזוי קען מען לוסטיג זיין



4.

גאנצע טעג זיץ איך אליין,
מיין טייער לעבען קומט ניש' צוגעהן;
מסתמא האָט ער שוין א צווייטע געפונען,
און מיך האָט ער שוין ניש' אין זינען.

מיינסטו מיר, וואָס געהסטו צו איהר?
מיינסטו איהר, וואָס געהסטו צו מיר?
האָסטו אין זינען די ליעבע צו פיהרען,
זאלסטו נישט געהן מיט אנדערע שפּאַציערען!

(ווארשא)

4 Ganze tejg sitz ich alain.

גאנצע טעג זיץ איך אליין



5.

שעהן ביזטו, אוצר־לעבען,
אזוי ווי לויטער גאָלד;
וויפיעל חתנים מ׳האט מיר גערעדט,
און דיך האָב איך געוואָלט.
כ׳וועל דיך האָבען צו געדענקען
ביז אין מיין קבר;
אז איך דערמאָן מיך אָן דיין שעהן פּנים
ציטערט אין מיר יעדער אבר!

(וואַרשא)

5 Schön bistu Oizer Leben.

שעהן ביזטו, אוצר־לעבען

Tempo di mazurka.



6.

שעהן מיידעלע, רוזשע־לעבען!
אז איך ליג און טראכט,
טא יא ספּאטש ניע מאגע,
די גאנצע נאכט.

לודזשע מניע פּאוויאדאיאן,
אז דו ליעבסט מיך ניש׳;
אליע טא ניע פראוודא,
דאס גלויב איך ניש׳!

געה איך מיר צום וואסערל,
וואו עס שווימען גאלדענע פיש;
רוזשע־לעבען, ביזט מיר ליעבער,
ווי ס׳געלט אויפ׳ן טיש!

צעהן דוקאטען גאלד
איז דאך ניש׳ קיין געלט;
דו ביז דאך מיר ליעבער,
ווי די גאנצע וועלט.

(לובלינער גוב.)

7.

— עפען מיר די טירעלע!
— עפענען וועל איך ניט!
א רעגען געהט, א ווינד וועהט,
איך וועל פטר'ן מיין זיידען קלייד.

עפענען וועל איך ניט!..

וואו זאל איך שטרייטען?
מ'שלאָפט ביי אלע לייטען.
א ווינד וועהט, א רעגען געהט,
איך וועל פארגעצען מיין זיידען קלייד.

— לעג זיך אויפ'ן גרעזעלע!
— ווער וועט מיך צודעקען,
און ווער וועט מיך אויפוועקען?

— די בלאָט פון בוים וועט דיך צודעקען,
די פייגעלאך וועלען דיך אויפוועקען;
'עסט געבען דעם הינטעלע א גוט וואָרט,
וועט ער דיר לאזען אויף זיין אָרט.

(ווילנער גוב.)

8.

הינטערן בריק, נעבען בריק,
שטעהט א מיידעל דינה;
דינה שטעהט, דער חתן געהט
מיט אברהם אבינו.

ווען איך זאל האָבען א פינגערעל,
וואָלט איך צו דיר געווינקען;
ווען איך זאָל האָבען א גלעזעל וויין,
וואָלט איך צו דיר געטרונקען.

ווען איך זאל האָבען א פערד און וואָגען,
וואָלט איך צו דיר געפאָהרען;
ווען איך זאל האָבען א ביימעל געלט,
וואָלט איך דאָס פארשפאָרען.

(ווארשא)

9.

גדזשע טען כלאָפּיעץ צאָ מניע כטשאָל?
צאָ מניע כוסטקע אָביעצאָל?
סטאָיע טאָם זאָ לאָסעם,
טשימאָ כוסטקע זאָ פּאָסעם!

וואו איז דאס בחור'ל, וואָס האָט מיך געוואָלט?
וואָס האָט מיר צוגעזאָגט א פּאָטשיילכעל מיט גאָלד?
דארטען שטעהט ער ביי דער וואַנד
און האלט דאָס פּאָטשיילכעל אין דער האַנד!

(ווארשא)

9 Gdźe ten chlopiec co mnie chcial.

גדזשע טען כלאָפּיעץ צאָ מניע כטשאַל



10.

שפּיעלט־זשע מיר דעם נייעם שעהר*),
וואָס איז ארויסגעקומען ;
כ'האָב מיך פארליעבט אין א מיידעלע, א שעהנע,
און קען צו איהר ניט קומען.

כ'וואָלט צו איהר געקומען,
זיצט זי זעהר ווייט ;
כ'וואָלט איהר א קוש געגעבען,
שעם איך מיך פאר לייט ;

ניט אזוי פאר לייט,
ווי פאר גאָט אליין.
איך וואָלט מיט איהר פארבראכט די צייט,
אז קיינער זאָל ניט זעהן.

(טשימעראוויץ, פּאדאל. גוב.)

*) אזא מין טאנץ.

10 Spielt ʒe mir dem naiem Scher.

שפּיעלט־זשע מיר דעם נייעם שעהר



11.

איך מיט מיין ליובע,
מיין מאַמע אין דערמיט,
איך וויל די ליובע,
מיין מאַמע לאָזט מיך ניט.
איך וועל נישט קוקען, אויף מיין מאַמעס רייד,
כ׳וועל נעמען מיין ליובע, ווי זי שטעהט און געהט.

איך וועל זי נעמען
און מאַכען אנ׳עק;
איך וועל זי נעמען
און וועל מיט איהר אוועק;
איך וועל מיט איהר אוועק
גלייך קיין אָדעס
און שטעלען א חופה אין איין מעת לעת.

(טשימעראוויץ, פאדאלער גוב.)

12.

(וואַריאַנט)

יאַך מיט מיין חתן,
מיין מאַמעשי אין דערמיט;
יאַך וויל תנאים שרייבען,
מיין מאַמעשי לאָזט מיך נישט.

11 Ich mit main lube.

איך מיט מיין ליובע



כ'וועל נישט קוקען אויף מיין מאַמען,
כ'וועל מאַכען אנ'עק:
כ'וועל נעמען מיין חתן
און וועל מיט איהם אַוועק.

יאָך וועל מיט איהם אַוועק,
אין דער וויטער וועלט אריין;
כ'זאל אפילו דעם טויט באקומען,
מיין מאן מוז ער זיין!
כ'וועל נישט קוקען אויף מיין מאַמען,
כ'וועל מאַכען אנ'עק:
כ'וועל נעמען מיין חתן
און וועל מיט איהם אַוועק.
(װאַרשא)

13.

(מיטגעטיילט פון אַ. דיימאַנדסטאַן)

טיעף אין וועלדעלע שטעהט א ביימעלע
און די צווייגעלעך בליהען;
און ביי מיר, ארעם שניידערל,
טוט מיין הערצעלע ציהען.

אויפ'ן ביימעלע, וואקסט א צווייגעלע,
און די בלעטעלעך צוויטען;
און מיין ארעם, שוואכע הערצעלע
ציהט צו מיין זיסער איטען.

אויפ'ן צווייגעלע, שטעהט א פייגעלע
און דאָס פייגעלע פישטשעט;
און ביי מיר, ארעם שניידערל,
מיין שוואך הערצעלע טריעשטשעט.
(מעזשבוזש, פּאָדאָלער גוב.)

13 Tief in weldele.

טיעף אין וועלדעלע



14.

גערט די מיידעל טאנצען,
קלאגט זי און זי וויינט;
עסען זאל'ן איהר פראנצען,
איך ווייס ניט וואס זי מיינט.
שרה, שרה, אויגען האסטו קלארע,
וואו דו קעהרסט זיך, וואו דו ווענדסט זיך,
דארטען איז א צרה!

גערט די מיידעל טאנצען,
קלאגט זי און זי וויינט;
עסען זאל'ן איהר פראנצען,
כ'ווייס ניט וואס זי מיינט.
— קרוינעלע, הארצעלע, וואס איז דיר געווארען?
„אנגעקושט און אנגעהאלזט
און אוועקגעפאהרען!"

(ווילנער גוב.)

15.

לויפט דאס וואסערעל פון דעם וועלדעל,
לויפט עס ביז קיין דאנץ;
קומט א מיידעל אהן א שעהנעם קליידעל,
נעהמט מען זי נישט צום טאנץ.
א שעהן מיידעל איז אנגעקומען,
דער שעהנסטער בחור האט זי גענומען,
ווערמען טוט עס באנג?
היה־שווארצעל קלאפט דאס הארצעל,
יוקעל לעגט זיך קראנק.

(ווארשא)

14 Geht die meidel tanzen.

געהט די מיידעל טאנצען



16.

דו זאָלסט ניט גערן מיט קיין אנדערע מיידעלעך,
דו זאָלסט נאָר גערן מיט מיר!
דו זאָלסט ניט גערן צו דיין מאַמען אין שטיבעלע,
נאָר קומען זאָלסטו צו מיר!

(דרויע, ווילנ. גוב.)

17.

וואו איז דאָס געסעלע, וואו איז די שטוב?
וואו איז דאָס מיידעלע, וואָס איך האָב זי ליעב?
נישטא שוין דאס געסעלע, נישטא שוין די שטוב;
נישטאָ שוין דאָס מיידעלע, וואָס איך האָב זי ליעב.

(לאָמזשער גוב.)

16 Du solst nit gehn mit kain andere.

דו זאָלסט ניט געהן מיט קיין אנדערע

Moderato.



18.

א ליעבע, א ליעבע איז גוט צו פיהרען
מיט אַ מענטש, אָבער נישט מיט דיר,
געוואלד, איך וועל דורך דיר קראַפּירען!
וואָס האָסטו זיך איינגעליעבט אין מיר?

וואָס שטעהסטו אונטער מיינע פענצטער,
אזוי ווי א זעלנער פאר דער טיר?
צו בין איך דען די טייערסטע, די שענסטע?
וואָס האָסטו זיך איינגעליעבט אין מיר?

אַ פייער האָט געדאַרפט דאס הויז פארברענען,
איידער איך האָב דיך דאָרט געזעהן;
דער טייוועל האָט מיך געדאַרפט צונעמען,
איידער דו האָסט זיך איינגעליעבט אין מיר!

וועסט קריגען א שענערע און א בעסערע,
זי וועט זיין קליגער נאָך פאר מיר;
אַ בריה וועט זי אויך זיין א גרעסערע, —
וואָס-זשע האָסטו זיך איינגעליעבט אין מיר?

(ווארשא)

18 A liebe, a liebe.

א ליעבע, א ליעבע



19.

זי: אך, דער אנפאנג פון אונזער ליעבע
האט זיך אנגעהויבען צוקער זים,
נאר די ענדע פון אונזער ליעבע
האט זיך אויסגעלאזען זעהר מיאום.

ער: ס'וועט דאך שוין נישט לאנג געדויערן
איבער וואסער און איבער בריק —
צוברעכען וועל איך אלע מויערן
צו דיר וועל איך קומען צוריק!

זי: זאל ער געהן, זאל ער לויפען*),
איך בעדארף איהם אויף כפרות!
אז ער האט געקאנט אן מיר פארגעסען,
זאל ער זיין אויף צרות!

ער: ס'וועט דאך שוין נישט לאנג געדויערן...
איבער וואסער און איבער בריק,
צוברעכען וועל איך אלע מויערן
און צו דיר וועל איך קומען צוריק!

זי: פון דער ערד געהט דאס וואסער,
אזוי געהען מיינע יאהרען אוועק;
אז ער האט געקענט אן מיר פארגעסען,
נעהמט דאך שוין די וועלט אן עק.

ער: ס'וועט דאך שוין נישט לאנג געדויערן...
איבער וואסער און איבער בריק —
צוברעכען וועל איך אלע מויערן
און קומען וועל איך צו דיר צוריק!

(ווארשא)

*) „זאל ער" ווערט געברויכט, ווען איין ברוגז'ער רעדט צום אנדערן.

19 Ach, der unfang vün ünser liebe.

אך, דער אנפאנג פון אונזער ליעבע



20.

אָי, אַווראַם, איך קען אָהן דיר ניט זיין!
איך אָהן דיר און דו אָהן מיר
קענען מיר ביידע ניט זיין.
געדענקסטו, געדענקסטו, ביי דעם טויער
האָסטו מיר געזאָגט א סוד אין אויער:
אָי, וועה, רבקה'ניו, גיב זשע מיר דיין פּיסקעניו!

אָי, אַווראַם, איך קען א. ז. וו.
געדענקסטו, געדענקסטו ביים בולוואר,
דו, דער קלוגער, איך, דער נאַרר,
אָי, וועה, רבקה'ניו, גיב זשע מיר דיין פּיסקעניו!

אָי, אַווראַם, איך קען אָהן דיר ניט זיין!
איך אָהן דיר און דו אָהן מיר
קענען מיר ביידע ניט זיין.
געדענקסטו, געדענקסטו דאַס רויטע קליידעל,
ווי איך בין געווען אַ זיסע מיידעל?
אָי, וועה, רבקה'ניו, גיב זשע מיר דיין פּיסקעניו!

(אומאַן, קיעווער גוב.)

21.

(וואַריאַנט)

געדענקסטו, געדענקסטו פאר דעם טויער?
כ'האָב דיר געזאגט א סוד אין אויער:
אָי, וועה, רוזשעניו!
גיב אהער דאָס בוזשעניו!
וועלען מיר זיך ביידע צוקושען,
טאַטע-מאַמע זאָלען נישט וויסען.

(וואַרשאַ)

20 Oi, Awram.

אָי, אווראם



22.

המבדיל בין קודש —
מיט אַ מיידעלע איז אַלע סודות,
פאר אַ מיידעלע איז אַלע זאַכען,
מיט אַ מיידעלע איז גוט צו לאַכען,
פאר אַ מיידעלע איז גאר איי גאַנצען,
מיט אַ מיידעלע איז גוט צו טאַנצען,
מיט א מיידעלע איז גוט צו שמועסן,
אַי, א מיידעלע איז גוט צו קושען!

(ווארשא)

22 Hamawdil bejn koidesch.

המבדיל בין קודש

Moderato.



23.

אַ ליעבע פאַנגט זיך אָן פון אַ שמייכעל,
פון אַ שמייכעל ביז צו אַ קיש ;
ס'נעהמט אַוועק ביי'ם קליגסטען מענטשען דעם שכל,
דאָס קליגסטע מיידעל מאַכט עס צום ניש'.

מירביידע האָבען די ליעבע געשלאָסען,
קיין שום מענטש האָט פון דעם נישט געוואוסט ;
היינט רעדט מען פון אונז אין אַלע גאַסען...
דורך דיין מוטער ווערט עס צו נישט.

(פוילען)

23 A liebe fangt sich un.

א ליעבע פאנגט זיך אן



24.

פון וואנען הויבט זיך אַן א ליעבע ?
פון ריידען, פון שמועס'ן, פון לאַכען.
אונזער ליעבע האָט זיך אנגעהויבען
גאַר פון אנדערע זאַכען.

דאָרט געהען זיך פּאארעלעך צוויי,
דאָרט געהען זיך פּאארעלעך צוויי ;
ליעבען, ליעבען זיי זיך זעהר —
ס'איז נישטאָ קיין גלייכען צו זיי.

גענוג שוין מיט מיר צו ריידען,
גענוג שוין מיט מיר צו שמועס'ן ;
פיהר מיך שוין אַפּ אהיים,
דער טאַטע וועט די טיר פערשלים'ן.

„אהיים, לובטשו, וועל איך דיר אָפּפיהרען,
ביי'ם גלעקעלע וועסטו אָנקלינגען,
א ליעד וועל איך אויס אונזביידען מאַכען,
די גאנצע וועלט זאָל פון אונז זינגען".

צו מאָרגענס אין דער פריה
הער איך די גאַנצע וועלט קלינגען, —
פאַרהאָפען פאַרהאָף איך צו גאָט,
אַז מיינע שונאים וועל'ן ווערען צושפּרינגען !

24 Vün wanen haibt sech ün a liebe.

פון וואנען הויבט זיך אַן א ליעבע



וואָס דער רעגען ווערט גרעסער,
ווערען די שטיינדעלעך נאסער;
אונזער ליעבע איז ארויפגעשוואומען,
אזוי ווי בוימעל אויפ'ן וואסער.

בוימעל אויף דעם וואסער
טוט דאָך פון אויבען ארויפשווימען;
וועלכעס מיידעלע ס'וויל פיהרען א ליעבע,
דער סוף זאָל איהר אזוי אויסקומען!

(פוילען)

25.

שעהן ביזטו, רחל־לעבען,
שעהן זאָלסטו דיך ציערען;
טו דיר אָן דיין אויבערמאַנטעלע
וועלען מיר געהן שפּאַציערען.

שפּאַצירען, רחל'ע, וועלען מיר געהן
צווישען די געדיכטע ביימער,
שפּאַצירען וועלען מיר ביידע געהן
דאָרט, וואו עס געהט נישט קיינער.

שפּאצירען וועלען מיר ביידע געהן
צווישען די געדיכטע בלעטער;
טאָמער טרעפט דיך דיינס א חבר'טארין,
זאָג — דו געהסט צו דיין פעטער.

שפּאַצירען, רחל'ע, וועלען מיר געהן
צווישען פרישע בלומען;
טאָמער טרעפט דיך דיינס א חבר'טארין,
זאָג — דו געהסט צו דיין מומען.

25 Schain bistü Ruch'l lejben.

שעהן ביזטו, רחל לעבען



Schain bis - tü, Ru - ch'l lej - ben,

Schain sols - tü dich zie - ren;



Tü dir un dain oi - ber man - te - le

Wel'n mir gain spa - zie - ren.

שפאצירען וועלען מיר ביידע געהן
נעב'ן אייזערנע קראטען;
האָב ניש' מורא, מיין דושקע־לעבען,
ס'וועט דיר גאָר ניש' שאטען!

שפאצירען, רחל'ע, וועלען מיר געהן
אין דעם ווילדען וואלד.
ווי רחל'ע האָט דאָס דערהערט,
איז איהר געוואָרען הייס און קאלט.

אַי, רחל־לעבען, קרוינע לעבען!
אפשר וועסטו טרינקען א גלעזעל וויין?
מיין האנד געב איך דיר פאר אלע מענטשען,
אז מיין ווייב וועסטו זיין.

„אַי, הארשעל־לעבען, קרוינע לעבען,
דער זייגער שלאָגט שוין צעהן!"
האָב נישט מורא, מיין טייער לעבען,
וועסט אליין אהיים נישט געהן.

ווי רחל'ע איז אהיים געקומען,
האָט זי זיך געזעצט ביי'ם פענסטער.
„ווי פיעל יינגעלעך ס'געהען פארביי,
מיין חתן איז דער שענסטער!

אלע וואסערלעך לויפען אוועק,
די טייכען בלייבען ליידיג;
וועלכעס מיידעלע עס פיהרט א ליעבע,
פיהרט זיך איבער אויף אייביג".

(ווארשא)

26.

אַך, שעהנעס מעדכען, דו איידעל קינד,
ווער האָט אין דיר די ליעבע אנגעצינדט?

איינער איז קיינער וואָס די אויגען זעהן,
ווי גליקליך איז די שטונד, וואָס מיר בייזאמען געהן!

ראזע זענען דיינע בעקעלאך, ווי שעהן איז דיין געזיכט,
ווי שעהן זענען דיינע אויגען, ווי שמעקט מיר דיין קוש!

ווי נעט איז דיין פיסעלע, ווי שעהן ביזטו אין גאנצען,
ווי קליין איז דיין שיכעלע, ווי שעהן קענסטו טאנצען!

— צי ליעבסטו מיין שעהנהייט, צי ליעבסטו מיין געלט?
— איך טו דיך ליעבען, ווייל דו מיר געפעלסט!

מען וועט דיך קומען פרעגען, צי דו ליעבסט מיך געטריי?
אַן אנטוואָרט וועסטו געבען, דיין הארץ איז ניט דאבאי.

(ריגא)

27.

איך האָב מיר אין איינעם געטון פארליעבען,
אין איינעם אין דער וועלט, ווייטער אין קיינעם;
איהר מעגט מיך אלע יונגערהייד באגראבען,
מיין שעהן גאָלד פארבייטען וועל איך ניט אויף קיינעם!

(בריסק, גראדנער גוב.)

28.

אַך, ווי א פלאַם העליש פייער,
אזוי האָט זיך אין מיין הארצען אָנגעצונדען;
ווער איז נאָך ביי מיר אזוי טייער?
און ווער קען היילען מיינע וואונדען?
ס'איז נישטא אויף דער וועלט נאָך איינער,
ווער עס זאָל וויסען פון מיין שמערץ;
נאָר דו, דושקע, ביזט איינער,
נאָר דו קענסט מיר היילען מיין הערץ!

מיט א פינף-זעקס וואָכען צוריק
בין איך געוועזען גלייך מיט דיר;
ס'האָט מיר געשפּיעלט מיין גליק,
כ'בין צוזאמען געזעסען מיט דיר.
ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט, א. ז. וו.

שפּאצירענס זענען מירביידע געגאנגען
צווישען געדעכטע זאַנגען;
איך גייה ארוים אויף דער גאַס,
וואָלט איך גערן מיין דושקע געפּאנגען.
ס'איז נישטא אויף דער וועלט, א. ז. וו.

שפּאצירענס זענען מיר ביידע געגאנגען
צו דער וויענער קאליע;
צי מיינסטו מיט מיר א ליעבע צו פיהרען?

28 Ach, wie a flam hellisch fajer.

אך, ווי א פלאם העליש פייער



צי מיינסטו נאר צו שפּיעלען א ראָלע?
ס'איז נישטא אויף דער וועלט, א. ז. וו.

שפּאַצירענס זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אזוי ווי פּאר די באַנק;
נעכטען זענען מיר ביידע געזעסען,
און היינט בין איך פון הארצווייטאג קראַנק.
ס'איז נישטא אויף דער וועלט, א. ז. וו.

אויף א דראָשקעלע זענען מיר ביידע געפאָהרען,
די ליפּעלאך זענען מיר געוועזען בלאָ;
רופסט'ס מיר אריין, מיין טייער לעבען,
מיין טייער לעבען איז נישטאָ!
ס'איז נישטא אויף דער וועלט, א. ז. וו.

ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו פארברענגען,
ס'איז נישטא מיט וועמען זיך צו באהעפטען;
דעם טויט טוסטו מיר דערלאַנגען,
נעמסט מיר ארויס מיינע קרעפטען.
ס'איז נישטא אויף דער וועלט נאָך איינער,
ווער עס זאָל וויסען פון מיין שמערץ;
נאָר דו, דושקע, ביזט איינער,
נאָר דו קענסט מיר היילען מיין הערץ!

(ווארשעווער גוב.)

29.

מיט א קורצער צייט צוריק,
ווער איז געווען גלייך צו מיר?
עס האָט מיר געשפּיעלט מיין גליק,
ווען איך בין געזעסען צוזאמען מיט דיר.
כ'האָב ניט געקוקט קיין בלאָטע קיין רעגען,
שטענדיג געפלויגען צו דיר,
און יעצט איז פארוואקסען די וועגען
פון אונזער אמאָליגען שפּאציר.

איך טרינק זיך יעצט אין טייך,
אלע מענשען זעהן מיט די אויגען;
וואָס טויג מיר מיין גוטס מיט מיין רייך,
אז מיין ליעבער איז פון מיר פארפלויגען;
ער איז פון מיר פארפלויגען
אין אזא ווייטען לאנד,
צו זאָגען פאר מיינע עלטערן
איז דאָך פאר מיר א שאנד.

מיינע עלטערן טוען ביי מיר פרעגען:
„מיין קינד, וואָס ביזטו אזוי בעטריעבט?"
צי קען איך זיי דען זאָגען,
אז איך בין אין איינעם פארליעבט?
פארליעבט בין איך אין איינעם,
אין דעם, וואָס איך בין ניט ווערטה;
און זאָגען קען איך דאָס ניט קיינעם,
מסתמא איז מיר פון גאָט אזוי באשערט!

(זארושנע, מינסקער גוב.)

30.

מיינע שבתים און מיינע יום טובים
זענען מיר געוואָרען פארשטערט;
זינט איך האָב דיין ליעבע דערקענט,
ליעגט מיר מיין פנים אין דער ערד.

איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט קיין נעכט,
איך טו נאָר בענקען נאָך דיר;
מסתמא האָסטו שוין אן אנדערע אָן א זייט,
דו האָסט שוין פארגעסען אָן מיר.

ווען איך וואָלט געווען א פייגעלע פונ'ם וואלד,
וואָלט איך צו דיר געפלויגען;
ווען איך וואָלט געהאַט שטריקעלעך,
וואָלט איך צו דיר געצויגען.

ווען איך וואָלט געווען א פישעלע פונ'ם וואסער,
וואָלט איך צו דיר געשווימען,
און אז איך וואָלט וויסען וואו דו ביזט,
וואָלט איך צו דיר געקימען.

איך בעט דיך בנאמנות, האָב אויף מיר רחמנות,
אָי, האָב שוין רחמנות אויף מיר!
מאַך אויף מיין הארץ ועסטו זעהן מיין שמארץ
וועסטו שוין קומען צו מיר.

(ווארשאווער גוב.)

30 Maine schabussim

מיינע שבתים



81.

יאנקעלע מיט רבקה׳לען
האלטען זיך דערינטער ;
יאנקעלע איז אוועקגעפאהרען
אויף א גאנצען ווינטער.

רבקה׳לע האט געמיינט,
זי וועט אליין בלייבען :
האט זי צו איהם אנגעהויבען
בריוועלעך צו שרייבען.

בריוועלעך צו שרייבען
איז דאך זעהר זיס,
א משכון צו פארזעצען —
פון יאנקעלען א גרים !

בריוועלעך צו שרייבען
איז דאך זעהר שעהן ;
א משכון צו פארזעצען,
נאר יאנקעלען צו זעהן !

(טשימעראוויץ, פאדלער גוב.)

81 Jankele mit Rivkelen.

יאנקעלע מיט רבקה'לען



32.

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טון אין אזא ווייטען וועג?
וואָס וועסטו טון אין אזא ווייטען וועג?

זי: איך וועל געהן אין אַלע גאַסען
און וועל שרייען: „וועש צום וואַשען!“
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואו וועסטו וואַשען אין אזא ווייטען וועג?
וואו וועסטו וואַשען אין אזא ווייטען וועג?

זי: דו מוזט מיינען, אַז איך בין שוואַך,
איך קען וואַשען וועש ביים טייך!
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
אויף וואָס וועסטו טריקענען אין אזא ווייטען וועג?
אויף וואָס וועסטו טריקענען אין אזא ווייטען וועג?

32 Hör nor dü schain maidele.

הער נאָר, דו שעהן מיידעלע



זי: כ'וועל פארקויפען מיין מונדיר
און וועל מיר קויפען אַ לאַנגע שנור,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואַס וועסטו עסען אין אזא ווייטען וועג?
וואַס וועסטו עסען אין אזא ווייטען וועג?

זי: ברויט מיט זאלץ וועל איך עסען,
טאַטע־מאַמע וועל איך פארגעסען,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
אויף וואַס וועסטו שלאַפען אין אזא ווייטען וועג?
אויף וואַס וועסטו שלאַפען אין אזא ווייטען וועג?

זי: איך בין נאָך א יונגע פרוי,
איך קען שלאַפען אויף א בינטעל שטרוי,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

ער: הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,

מיט וואס וועסטו דיך צודעקען אין אזא
ווייטען וועג ?
מיט וואס וועסטו דיך צודעקען אין אזא
ווייטען וועג ?

זי: דער טהוי פון הימעל וועט מיך צודעקען,
די פייגעלעך וועלען מיך אויפוועקען,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

(ווארשא)

33.

אויף דער גיטארע טו איך שפיעלען
און פון מיין ליעבע בין איך מאט,
ניטא קיינער וואס קען מיר היילען
מיינע וואונדען פון מיין הארץ.

אט די מעדכען, וואס שטעהט אנטקעגען,
אט, א שטעהט זי, ניט ווייט פון מיר!
אהן רעצעפטען קען זי מיר היילען,
ווען זי ווערט נאר מיין מוטער'ס שנור.

מיין מוטער'ס-שנור קען זי ניט ווערען,
שלעכטע מענשען, זיי ריידען אפ.
אך גאט זאל זיי זייער לעבען שטערען,
וואס זיי פארגיסען מיר מיין בלוט!

(שאצק, מינסקער גוב.)

34.

ווי א שעהנע בלום האָב איך געטון בליהען,
גוט איז מיר געווען ווי די גאנצע וועלט;
היינט וועל איך אריינפאלען, אָי, צו א מערדער אין די הענד,
וועט זיין פארפאַלען, אָי, מיין יונגע וועלט.

„טאָכטער, וואָס איז פון דיר געוואָרען,
וואו איז אַהינגעקומען דיין געלעכטער מיט דיין געשריי?
דיין פרעהליכקייט האָסטו שוין אנגעוואָרען,
צו זיצען און צו זינגען ווי א שעהנער סאָלאָוויי“.

זיץ איך מיר און שפיעל מיר אויף דער גיטאַרע,
זיץ איך מיר און שפיעל מיר אוים גאנץ פיין;
ווער קען נאָך פיהלען, אָי, מיין ביטער הארץ אצינדער,
מעהר ווי איך און מיין געליבטער אצינד?

„טאָכטער, וואַרף אַוועק דעם שניידער־יונג!
אזוי וועלען מיר דיר אלע ליעב האָבען“.
— איך דארף שוין ניט, אָי, איהר זאָלט מיך אלע ליעב האָבען,
איך האָב שוין איינעם, וואָס ער האָט מיך ליעב!

(בריסק, גראָדנער גוב.)

34 Wie a schöne blum.

ווי א שעהנע בלום



35.

פאַטער מיינער, געטרייער,
מאַמע זיסע, מיין לעבען!
לעשט אָפּ אין מיין האַרץ דעם פייער,
און איהם פאַר אַ מאַן זאָלט איהר מיר געבען.

ווי באַלד דו ווערסט מיר איהם ניט געבען,
קאָנטשעט זיך אָפּ מיין לעבען;
עס וועט אייך שוין ניט העלפען אייער שפּאַרען,
כ׳וועל מוזען מיט איהם אַפּפאָהרען.

טאָכטער, דו לעבסט דאָך אין טעות,
פאַרבלענדט זיינען דיר דיינע אויגען,
די ליעבע איז דיר אַ מין מות,
זי וועט דיר אין דר׳ערד אַריינלייגען.

כ׳וועל דיר געבען אַ מאַן, ר׳וועט זיין שעהן,
פאַר גאָט און פאַר לייט,
ניט מיט איהם וועסטו די יאהרען אויספיהרען,
ס׳איז נאָר אויף אַ קורצע צייט.

וואָס טוען עלטערן קלערען,
וואָס מיינען זיי פאָרט דערמיט?
וואָס זיי טוען אַ ליעבע שטערען,
צי מיינען זיי דערמיט עפּעס גוט?

די ליעבע פאנגט זיך אָן מיט א שמייכעל,
די ענדע לאָזט זיך אויס מיט צער;
זי נעמט אַוועק ביי א מיידעל דעם שכל,
דעם קליגסטען מענטשען מאכט זי צום נאַר.

— קום לאָמיר געהן אונטערן בארג,
דאָרט וועלען מיר שפאַציערען;
די ליעבע איז ביי אונז אַזוי שטארק,
גאָט ווייס, צי מיר וועלען זי אויספיהרען.

ווייבאַלד מיר וועלען ניט אויספיהרען,
דאָס אַלץ וואָס מיר טון וועלען:
מיר וועלען מוזען קיין וויען אַפּפאַהרען,
דאָרט וועלען מיר א חופה שטעלען.

— ווי קען איך דאָס מיינע עלטערן טון,
ווי קען איך פון מיינע עלטערן אַפּפאַהרען?
איך בין ביי זיי דער געליעבסטער זוהן,
איך וועל זיי נאָך קאָנטשען די יאהרען.

אז גאָט וועט אונז געבען גליק,
מיר וועלען אונזערע עלטערן איבעררייידען;
דערנאָך וועלען מיר קומען צוריק,
מיר וועלען דאָס דערצעהלען אין פריידען.

(בריסק, גראָדנער גוב.)

36.

ס'איז אראָפּגעקומען א שניידער־יונג
און זאָגט, ער וועט מיך נעמען;
אזוי האָב איך איהם צוגעזאָגט,
אז ווען די צייט וועט קומען.

די צייט און יענע צייט
איז דאָך שוין אצינד,
צייט כ'האָב אנגעהויבען א ליעבע פיהרען,
געה איך ארום ווי בלינד.

אָי, בלינד בין איך, בלינד בין איך,
ריידען קען איך נישט קיין וואָרט;
בעטען בעט איך דיך, מיין טייער לעבען,
זאלסט מיר זאגען, וואו איז דיין אָרט.

אָי, מיין אָרט, אָי, מיין אָרט
וועט זיין ביי מיין מאַמען אין שטוב.
בעטען בעט איך דיך, מיין טייער לעבען,
דו זאלסט מיר שרייבען בריעף.

אַלע וואָך א גוטען בריעף,
אויף דער ערשטער פּאָסט;
שרייב מיר, מיין טייער לעבען,
וואָס איך האָב דיך אָפּגעקאָסט.

אָפּגעקאָסט האָסטו מיך
מאַיאָנטקעס מיט גאָלד;
מיט דיר טו איך א ליעבע פיהרען,
און דיך האָב איך געוואָלט.

נעמען וועל איך דיך, אָי־אָי־אָי!
טרינקען וועל איך מיך, אָי־אָי־אָי!
שטעכען וועל איך מיך מיט א מעסער!
ביי מיינע עלטערן איז מיר גוט געווען,
און ביי דיר וועט מיר זיין נאָך בעסער.
(ווארשא)

37.

האָסטו מיך אמת ליעב?
טא זעץ דיך לעבען מיר!
האָסטו בדעה חתונה צו האָבען?
טאָ שיק־זשע א שדכן צו מיר!

— א שדכן וועל איך צו דיר שיקען,
אפשר וועט עס ווערען;
אונזביידע וועל'ן מיר חתונה האָבען,
נאָר דו זאלסט מיר גאר נישט שטערען.

— שטערען וועל איך דיר נישט, מיין לעבען,
איך וועל דיר גאר נישט ריידען;
נאָר וואָס טוסטו מיט אנדערע ריידען,
און פון מיר טוסטו זיך אפשיידען?

מיט אנדערע מוידען טוסטו ריידען,
מיך לאָזטו אויפ'ן וואַסער שווימען.
אָי, איך בעט דיך, מיין קרוין, מיין לעבען,
דו זאלסט שוין צו מיר קומען!

— קומען וועל איך נאָר צו דיר
אין אכט טאָג אַרום;
ביזט געגאנג'ען א ליעבע פיהרען,
ביזטו געוועזען שטום.

שטום ביזטו גאר געוועזען,
ריידען קאָנסטו פארט.
בעט איך דיך, מיין טייער לעבען,
וואו וועט זיין דיין אָרט?

מיין אָרט וועט דאָך זיין
אין די ליכטיגע שטוב,
בעט איך דיך, מיין טייער לעבען,
דו זאָלסט מיר שרייבען בריעף.

— בריעף וועל איך צו דיר שרייבען
אויף דער עקסטרער פּאָסט;
לאָזען האָטשעב מענטשען וויסען,
אז דו האָסט מיך געלט געקאָסט.

אבגעקאָסט האָסטו מיך
א מיליאָן גאָלד,
לאָזען האָטשעב מענטשען וויסען,
אז דו האָסט מיך געוואָלט.

— די צייט און יענע צייט
איז דאָך שוין פארבאַי,
לאָמיר ביידע א ליעבע פיהרען,
גאָר אויפ'ן ניי.

(פּוילען)

38.

דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט
ווּעסט מיך נעמען אין א זומער־טאָג ;
דער זומער־טאַג איז שוין געקומען
און דו האָסט מיך נישט גענומען.

אָי, אַ בחור וויל מיך נישט
און א בעל־הבית׳ל דארף איך נישט ;
אָי, אַ שניידער וויל מיך נישט
און אַ שוסטער דארף איך נישט.

(פוילען)

זיץ איך מיר אין שטיבעלע
און טראַכט נאָר וועגען דיר;
עס עפענט זיך מיר א גריבעלע,
ווען איך הער א קלאַפּ אין טיר,
ווייל נאָר צו דיר ציהט מיין הערץ,
מיין הערץ ווייס ניט קיינער;
אַי, ווערה, ווי ביטער איז מיר מיין שמערץ,
די ליעבע צוברעכט מיר מיינע ביינער!

ווען איך זעה דיין בילד פון ווייטען שטעהן,
שטאַרבט אין מיר אָפּ אַן אבר;
ווען איך דערזעה דיך מיט א צווייטע געהן,
איז מיר ניחה דער קבר.
ווייל נאָר צו דיר, א. ז. וו.

ווען איך זאָל האָבען פליגעלעך,
וואָלט איך צו דיר געפלויגען;
ווען איך זאָל האָבען מאַגנעט,
וואָלט איך צו דיר געצויגען,
ווייל נאָר צו דיר ציהט מיין הערץ,
מיין הערץ ווייס ניט קיינער;
אַי, ווערה, ווי ביטער איז מיר מיין שמערץ,
די ליעבע צוברעכט מיינע ביינער!

(טשימעראָוויץ, פּאָד. גוב.)

39 Sitz ich mir in stübele.

זיטץ איך מיר אין שטיבעלע

Andante.



40.

(װאַריאַנט)

דיינע אויגען זענען שעהן,
זיי זענען ביי מיר טייער;
מיט דיין ליעבען זיסען חן
האָסטו אָנגעצונדען אין מיין הארץ א פייער.
און מיין הארץ ציהט צו דיר
אזוי ווי מאַגנעט צו אייזען־שטאָהל,
און די ליעבע ברענט אין מיר,
זי ווערט פארגרעסערט וואָס אמאָל.

ווען איך זאָל האָבען פליגעלעך,
וואָלט איך צו דיר געפלויגען;
ווען דו וואָלסט האָבען גאָט אין הארצען,
וואָלסטו צו מיר געצויגען.
און מיין הארץ, א. ז. וו.

ווען איך וואָלט געווען א פישעלע,
וואָלט איך צו דיר געשוואומען,
ווען איך וואָלט וויסען וואו דו ביזט,
וואָלט איך צו דיר געקומען.
און מיין הארץ ציהט צו דיר,
זי צוברעכט אין מיר אלעביינער;
און די ליעבע ברענט אין מיר,
פון דער ליעבע וויים נישט קיינער.

(װאַרשא)

40 Daine oigen senen schain.

דיינע אויגען זיינען שעהן



41.

שוואַרץ ביזטו, שוואַרץ,
אָבער מיט חן;
פאַר וועמען דו ביזט מיאוס,
פאַר מיר ביזטו שעהן!
צי דו ליעבסט מיך — יאָ;
צי דו ליעבסט מיך — ניין.
לאָמיר האָטש ביידע שפּאַציערען געהן.

(אקערמאַן, כערסאָנער גוב.)

42.

— ווער קלאַפּט דאָס אזוי שפּעט ביי נאַכט?
— יאַנקעלע שיכור!
רחל'ע עפען מיר,
כ'בין דאָך דיין דערקוויקער!

(פּוילען)

41 Schwarz bistü, schwarz.

שווארץ ביזטו, שווארץ



43.

זי: איך וועל געהן קאנאלען גראָבען,
נאָר מיט דיר מוז איך חתונה האָבען!
טאם טי דעדי־דא, טאם טי דעדי־דא,
טאם טי דעדי־דא, טאם!

ער: דו זאָלסט נישט געהן קאנאלען גראָבען,
נאָר מיט מיר זאָלסט נישט חתונה האָבען,
טאם טי דעדי־דא, טאם טי דעדי־דא,
טאם טי דעדי־דא, טאם.

(ווארשא)

43 Ich wel gain kanalen gruben.

איך וועל געהן קאנאלען גראבען



44.

צווישען בערגעלע און דים וועלדעלע
לויפט א וואסערל אין דערמיט,
פיש אין וואסער — א מיליאָן!
דאָרט געהט א מיידעלע טריט ביי טריט.

(ווארשא)

44 Zwischen bärgle ün dem wäldele.

צווישען בערגעלע און דעם וועלדעלע



45.

ס'איז פארהאנען ברילאנטען, וועלכע זענען שעהן,
אז מען קוקט זיך אין זיי גוט איין, זענען זיי געמיין;
אבער מיין ברילאנט אין דער גאנצער וועלט
קען מען נישט געפינען —
וואו איך געה און וואו איך שטעה,
האב איך איהם אין זינען!

(פוילען)

45 S'is farhanen briliante n.

ס'איז פאראנען בריליאנטען



46.

אַט דאָרט, אַט דאָרט אויף יענעם אָרט,
שטעהען זיך פייגעלעך צוויי, אַי צוויי!
זיי שמועסען זיך, זיי קושען זיך,
זיי קושען זיך, זיי ליובען זיך,
אך וואָס פאר א פארגעניגען האָבען זיי, אַי זיי!
זיי שמועסען זיך, זיי קושען זיך,
זיי קושען זיך, זיי ליובען זיך,
אך וואָס פאר א פארגעניגען האָבען זיי, אַי זיי!

(מעזשבוזש, פּאָדאָלער גוב.)

46 Ot dort, ot dort.

אט דארט, אט דארט



47.

פאפיר איז דאָך ווייס און טינט איז דאָך שווארץ,
צו דיר מיין זיס־לעבען ציהט דאָך מיין הארץ!
כ׳וואָלט שטענדיג געזעסען דריי טאג נאָכאנאנד,
צו קושען דיין שעהן פּנים און צו האלטען דיין האַנד.

אָי דאמאלס וואָלט איך געוואוסט פון א וועלט,
כ׳וואָלט שטענדיג געארבעט, געאַקערט אין פעלד;
מיט פיעל פארגעניגען וואָלט איך מיט דיר פארבראכט,
כ׳וואָלט געזעסען מיט דיר ביי טאָג און ביי נאכט.

נעכטען ביי נאכט בין איך אויף א חתונה געוועןְ:
פיעל שעהנע מיידלאך האָב איך דאָרט געזעהן;
פיעל שעהנע מיידלאך, צו דיר קומט נישט גאר,
צו דיינע שווארצע אייגעלעך, צו דיינע שווארצע האָאר!

דיין טאליע, דיין מינע, דיין אײדעלע פאסאָן,
אין הארצען ברענט א פייער מען זעהט עס נישט אן!
נישטאָ אזא מענטש, װאָס זאָל פיהלען ווי עס ברענט;
דער טויט און דאָס לעבען איז ביי גאָט אין די הענד.

אך דו ליעבער גאָט, ווארף מיך נישט אראָפּ,
גלייך מיר ניט צו קיין בוימעלע און נישט צו קיין סלופּ!
דאָס בוימעלע אז עס בליהט איז דאָך זעהר שעהן,
ווי העלפט מיר שוין גאט מיט איהר צו דער חופה צו געהן!

אך דו ליעבער גאָט, הער אויס מיין פערלאנג:
דעם עושר גיסטו כבוד מיט א שעהנעם גאנג;
מיר גיב א שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם,
אז איך מיט מיין זיס־לעבען זאָלען וואוינען דרינען.

(פּוילען)

47 Papier is doch wais.

פאפיער איז דאָך ווייס



II.
אבשיעדס-ליעדער

1.

מיין הארץ, מיין הארץ וויינט אין מיר,
אז איך דארף מיך שיידען יעצט מיט דיר;
מיינע געדאנקען — אהין אהער,
מיט דיר צושיידען איז מיר שווער.

וואו פאהרסטו, מיין זיס־לעבען,
וואו פאהרסטו פון מיר אוועק?
וואו וועל איך דיך דארפען זוכען?
זאג־זשע מיר, אויף וועלכען וועג?

פון ערשטען שטעדטעלע, פון ערשטען דערפעלע,
דאס ערשטע בריוועלע שרייב צו מיר;
בעטען בעט איך דיך, מיין זיס־לעבען:
פארגעסען זאלסטו נישט אן מיר!

ועסטו קומען צו א וואסער׳ל,
זאלסטו זיך נישט טרענקען;
וועסטו קומען צו אן אנדער מיידעלע,
זאלסטו מיך געדענקען!

(ווארשא)

1 Main harz, main harz.

מיין הארץ, מיין הארץ



2.

אַי, די כח'עלעך געהען מיר אוים!
איך קען זיי שוין מעהר נישט דערשפּירען;
דעם צעהנטען מיידעלע וועל איך פאַרזאָגען,
זי זאָל שוין קיין ליעבע נישט פיהרען.

וועלכעס מיידעלע ס'פיהרט א ליעבע,
ווערט זי דאָך אָן די פאַרבען;
און אז די ליעבע פיהרט זיך נישט אוים,
קען זי נאָך יונגערהייד שטאַרבען.

„שטאַרב ניש', שטאַרב ניש', מיין טייער לעבען!
אונזער ליעבע וועט קומען צו א צוועק.
מיינע קאָלעגעס האָב'ן מיך אנגערעדט,
אז איך זאָל פון דיר אַוועק".

דו פאַהרסט, דו רייזט פון מיר אַוועק,
ביי וועמען וועל איך דאָ בלייבען?
אז דו וועסט בשלום אויפ'ן אָרט קומען,
א בריוועלע זאָלסטו מיר שרייבען.

וועסטו נישט קענען קיין בריוועלע שרייבען,
זאָלסט מיר חאָטש לאָזען גריסען.
„קום אהער, מיין טייער לעבען,
לאָמיר זיך ביידע צוקושען!"

אך, וואָס טויג מיר די פאַלשע ליעבע,
וואָס טויג מיר דאָס פאַלשע קישען?
דו מיינסט נאָר מיר דעם קאָפּ צו פאַרדרייען
און ווייטער ווילסטו ניש' וויסען.

(ווארשא)

2 Oj, die koichelach...

אױ, די כח'עלעך . . .



3.

שעהן ביזטו געווען,
שעהן ווי די גאנצע וועלט!
ווי ליעב האָב איך דיך געהאט,
ווען דיין הארץ האָט צו מיר געברענט!

דיין הארץ האָט צו מיר געברענט,
אזוי ווי דאָס העלישע פייער;
ס'איז נישט געווען קיין זאַך אויף דער וועלט
ס'זאל זיין פאר מיר צו טייער.

היינט פאהרסט פון מיר אוועק,
דו פאהרסט דאָך איבער א בריק;
פאַרהאָפען פארהאָף איך צו גאָט אליין,
אז דו וועסט נאָך קומען צוריק.

דו פאָהרסט פון מיר אוועק,
דו פאָהרסט דאָך איבער דעם ים;
פארהאָפען פארהאָף איך צו גאָט אליין,
אז דו וועסט נאָך זיין מיין מאַן.

דו פאָהרסט פון מיר אוועק,
דו פאָהרסט דאָך אויף א בערלינקע*),
און אפשר האָסטו פאלשע געדאַנקען, —
זאָלסטו ווערען דערטרינקען!

(ווארשא)

*) פראַכט־שיף.

8 **Schain bistü geven.**

שעהן ביזטו געוועז



4.

(וואַריאַנט)

וואו נעהמט מען אזוינע פאַרשוינען?
וואו נעהמט מען א ייִנגעלע אזוינעם?
קלוג איז ער געווען, גאר ווי די גאנצע וועלט,
ווי שעהן איז ער געווען!
נאָך איהם ווערט מיין האַרץ פאַרברענט.

דו ביזט פון מיר אוועק,
אוועק ביזטו מיט דער פיהר;
עך פאַרהאַף צו גאָט,
אז קומען וועסטו נאָך צו מיר.

דו ביזט פון מיר אוועק,
אוועק ביזטו מיט דער באַהן;
עך פאַרהאַף צו גאָט,
אז מיינער וועסטו נאָך זיין.

דו ביזט פון מיר אוועק,
אוועק ביזטו מיט דעם וואסער;
און עך פאַרהאָף צו גאָט,
אז דו וועסט נאָך זיין א יאַססער!

(יאססי, רומעניען).

5.

די יאָהרען ציהען, די יאָהרען פליהען
און די צייט פליהט ווי רויך אוועק,
פון דער שעהנסטער, בעסטער ליעבע,
פאַהרען פאַהרסטו פון מיר אוועק.

(ווארשא)

5 Die yuren ziben...

די יאהרען ציהען . . .



6.

געה איך אריין אין שטוב,
ס'איז מיר פינצטער אזוי ווי אין גרוב;
אין א גרוב איז פינצטער צו ליעגען,
אזא דאָבע איז שווער צו קריגען.
אָך און וועה, איז צו מיר,
צו מיינע יונגע יאָהרען!
אזא געטרייע דאָבע,
איז פון מיר אוועקגעפאָהרען!

וואָס טויג מיר די נייע קאזאצקע,
אז טאַנצען קען איך זי ניט?
וואָס טויג מיר די מיידעל, די חוואַטסקע,
אז נעמען וויל זי מיך ניט?
אָך און וועה, איז צו מיר, א. ז. וו.

וואָס טויג מיר די נייע קאַדרילען,
אז טאַנצען קען איך זיי ניט?
וואָס טויג מיר די מיידעל, וואָס איז מיר געפעלען,
אז נעמען וויל זי מיך ניט?
אָך און וועה, איז צו מיר,
צו מיינע יונגע יאָהרען!
אזא געטרייע דאָבע
איז פון מיר אוועקגעפאָהרען!

(בריסק, גראָדנער גוב.)

6 Geh ich arain in stub.

געה איך אריין אין שטוב



7.

און אז דו פאהרסט אוועק, מיין טייער, זיס לעבען,
אויף וועמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
אויף וועמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
אָי, ועה, אָט חלש עך!
אָי, ועה, אָט שטאַרב עך!
דיינע רייד לעגען מעך אנידער.

און אז דו פאַהרסט אוועק, מיין טייער, זיס-לעבען,
אויף וועמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
אויף וועמען לאָזטו מעך דאָ איבער?
„עך לאָז דעך איבער אויף דיין טאַטענס טיר,
גיב-זשע מיר דאס פיסקעלע, עך פאָהר אוועק פון דיר!"

און אז דו פאַהרסט אוועק, מיין טייער, זיס לעבען,
צום גוטען זאלסטו מעך דערמאָנען,
צום גוטען זאָלסטו מעך דערמאָנען.
א בריוועלע זאלסטו מיר גלייך שרייבען,
נאָך געכער ווי צו דיין אייגענער מאַמען.

און אז די באַהן האָט געטון דעם ערשטען פייף,
שטעלען זעך מיר די טרעהרען אין די אויגען,
שטעלען זעך מיר די טרעהרען אין די אויגען;
ערשט האָב עך מיט איהם גערעדט,
ערשט האָב עך מיט איהם געשמיעסט, —
מיט דער באהן איז ער אוועקגעפלויגען!

(יאססי, רומעניען)

7 Ün as dü furst awek.

און אז דו פאָהרסט אוועק



8.

צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואסער געפלויגען,
אין די פיסקעלעך האָבען זיי זעך געקישט;
פארשאָלטען זאָל ווערען יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונזער ליעבע ארייגגעמישט...

און אז דו וועסט קומען אין א פרעמדע שטאדט, ליובעליו,
מיינע רייד זאלסטו בעדענקען;
און אז דו וועסט קומען איבער א וואסער, ליובעליו,
פאר צרות זאָלסטו דעך נישט דערטרענקען.

אז דו וועסט קומען אין א ווייטער שטאָדט, ליובעליו,
מיינע רייד זאָלסטו בעקענען;
און אז דו וועסט קומען איבער א פייער, ליובעליו,
פאר צרות זאלסטו דעך נישט פארברענען.

צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואסער געפלויגען,
מיט די פליגעלעך אזוי צושפרייט.
קיין גוטען סוף זאל דער מענטש נישט האָבען,
וואָס האָט אונז פון דער ליעבע אזוי געך צושיידט!

(יאססי, רומעניען)

8 Zwai tabelech...

צווי טייבעלעך ...

Andante.



9.

אין פריסוטסטווע ברענט א פייער,
פון קוימען געהט ארויס א רויך ;
איך דערמאָן מיך אין ווען כ׳האָב מיך פארליעבט,
פון וויינען האָב איך שוין קיין כח.

פייגעלעך, פייגעלעך, זיסע !
כ׳וויל מיט אייך עפּעס שמיעסען :
פליהט אהין צו מיין געליעבטען אין תפיסה
און ברענגט מיר אן אנטוואָרט אַ זיסען.

ביי נאַכט ליעג איך אויף מיין געלעגער,
איך ליעג מיר מיט מיין שווער הארץ,
ווען וועט שוין שלאָגען דער זייגער,
די לעצט סעקונדע פון מיין שמארץ ?

דער זייגער האָט שוין צוועלף געשלאָגען,
ס׳איז שוין נאָך האלבע נאַכט ;
שוין צייט אנטשלאָפען צו ווערען,
גענוג שוין געלעגען און געטראַכט.

פון וויינען האָב איך שוין קיין כח,
מיין הארץ איז מיר פול מיט טרעהרען ;
כ׳האָב אזוי לאַנג א ליעבע געפיהרט,
פון אונזער ליעבע וועט גאָר נישט ווערען.

(ווארשוי)

9 In prisutstwe brent a fajer.

אין פריסוטסטווע ברענט א פייער

Allegretto.



10.

קום נאָר אהער, מיין לעבען,
קום נאָר אהער צו מיר!
א קוש וועל איך דיר, לובטשו, געבען,
אן אנדענקונג זאָלסטו האָבען פון מיר.

אָי, דו פאהרסט פון מיר אוועק,
דו געהסט דאך שוין וואנדערן;
ביז אהער האָסטו מיך געליעבט,
און שפעטער — אן אנדערן.

איין זאך, לובטשו, וועל איך דיר פרעגען:
דו ביזט דאָך די קרוין פון מיין קאָפּ,
צי מיינסטו מיט מיר צו פארברייינגען דיין לעבען?
אך, ענטפער מיר שוין, לובטשו, אָפּ!

מיינע עלטערן טוען מיך בעטען,
איך זאל שוין אָן דיר פארגעסען;
דיין בילד טו איך אויף מיין הארץ טראָגען,
ווי מיר זענען בייזאמען געזעסען.

געזעסען זענען מיר אויף א באנק,
געזונגען האָסטו מיר שעהנע ליעדער;
אז גאָט וועט אונז ביידען באשערען,
וועלען מיר זיך נאָך זעהען ווידער.

איך געה ארום אין אלע גאסען,
און קען מיר די ליעבע נישט פאסען,
אך, איהרע בלאָנדינע האָאר
און איהר שעהנע פיגור!

(ווארשא)

10 Küm nor aher, main leben.

קום נאר אהער, מיין לעבען



11.

דאָרטען אויף דעם בערגעלע שטעהט נאָך א ביימעלע,
דאס ביימעלע איז שוין לאַנג איינגעבויגען,
דאָרטען שטעהט נאָך מיין געטרייע כלה
מיט איהרע אויסגעוויינטע אויגען:

וויין ניש׳, קראַסאַוויצע, וויין ניש׳, דושעניו!
כ׳וועל נאָך צו דיר צוריק־קומען,
זאָלסט נישט הערען, וואָס לייט רעדען...
ביי מיר האָסטו חן געפונען.

מיינע עלטערן טוען מיך בעטען,
כ׳זאָל שוין אָן דיר פארגעסען;
נישט איין וואַסערל וועט פארביילויפען,
אונזער ליעבע וועט קיינער ניש׳ פארלעשען.

„וואָס טויג מיר די רייד, וואָס ניצט מיר דיין
טרייסטען?
איך קען שוין דיין ליעבע נישט גלויבען —
א בריעוועלע האָסטו מיר שוין לאַנג געשריעבען,
אז דו מוזט דיך מיט מיר צושיידען״.

א בריוועלע האָב איך טאַקע דיר געשריעבען,
כ׳האָב אויך געהאַט א מיין דערביי:
כ׳האָב נאָר געמיינט דיר אויסצופּראָבירען,
צו דו ביזט מיר אמת׳דיג געטריי.

איך וועל מיר אויך א׳ן עצה געבען
אונזער ליעבע זאָל קומען צו א צוועק:
כ׳וועל פארקויפען אלץ, וואָס מיר האָבען,
און פון דאַנען וועלען מיר אוועק.

(ווארשא)

11 Dorten oif den bärgele.

דארטען אויף דעם בערגעלע

Andante.



12.

אך, מיין גליק, מיין טייער לעבען,
ביידע זענען מיר א גלייכע פּאָר!
שווערען שווער איך דיר ביי מיין לעבען,
איך וועל אויף דיר ווארטען פינף יאהר!

פינף יאהר וועל איך אויף דיר ווארטען
און אויפ׳ן זעקסטען וועסטו ארוים;
און אז איך וועל נישט געפעלען דיינע עלטערן,
אך, דער וועהטאג וועט דאך מיר זיין גרוים!

זאָלסט נישט זארגען, מיין טייער לעבען,
אז דו וועסט מיינע עלטערן נישט געפעלען,
קיין אמעריקא וועלען מיר אוועקפאהרען
און דארטען א חופה שטעלען:

א חופה וועלען מיר דארטען שטעלען
פאר א מנין מענטשען,
גאָט אין הימעל וועט זיין דער עדות,
און צו דער חופה וועט ער אונז בענטשען.

הער נאר צו, מיין טייער לעבען,
נאָך א זאך וועל איך דיך בעטען:
אז איך וועל פון דאנען אוועקפאָהרען,
זאלסטו מיך געהן באלייטען.

באלייטען וועל איך דיך, מיין טייער לעבען,
פון דיין טויער ביז צום וואגזאַל.
אָפּגעקושט און גליקען איינגערעדט —
און גלייך אין דעם וואגאָן אריין!

ווי ער טוט אין וואגאָן זיצען,
און איך טו אין דרויסען שטעהן,
אזוי ווי די באהן האָט געטון דעם ערשטען פייף,
בין איך אהיים געגאַנגען מיט א גרוים געוויין.

12 Ach main glük, main tajer leben.

אך מיין גליק, מיין טייער לעבען

Moderato.



פון אלעביימעלעך זאל ווערען פענעס,
פון אלע וואסערלעך זאל ווערען טינט;
טינט און פענעס וועט פאַרט נישט קלעקען
צו באשרייבען מיינע צרות פון אַצינד.

אַך, דער אנפאנג פון אונזער ליעבע
האָט זיך אנגעהויבען צוקער־זים,
אבער דער סוף פון אונזער ליעבע
האָט זיך אויסגעלאָזט זעהר מיאום!

(ווארשא)

13.

אָי, וועה מיר, ס'נעהמט אן עק,
מיין טייער לעבען פאָהרט אוועק!
אָי, וועה מיר, כ'בענק נאָך דיר,
מיין גאנץ לעבען הענגט אָן דיר!

מיין טייער לעבען איז אוועקגעפאָהרען
און האָט מיך איבערגעלאָזט גאר אליין;
אנגעקושט און — א גוטען טאָג!
און ער קומט שוין נישט מעהר צוגעהן.
אָי, וועה מיר, א. ז. וו.

מיין טייער לעבען איז אוועקגעפאהרען,
איך בין געבליעבען גאָר אליין;
דער טאָג האָט זיך שוין אפגעזעגענט,
און גאָט ווייסט, צי איך זעה איהם מיין!
אָי, וועה מיר, ס'נעהמט אן עק,
מיין טייער לעבען פאָהרט אוועק!
אָי, וועה מיר, כ'בענק נאָך דיר,
מיין גאנץ לעבען הענגט אָן דיר!

(ווארשא)

13 Oi, wai mir, s'nemt an ek.

אי, װעה מיר, ס'נעמט אן עק



14.

וויפיל טרערן איז פון מיינע אויגען אפגערונען,
איידער איך בין צו דיר געקומען;
און היינט איז דער קיסר געקומען
און האט דיך פון מיר צוגענומען.

וואלט איך געוואוסט, מיט וועלכע באהן דו ביזט געפאהרען,
וואלט איך מיך אויכעט אויפגעזעצט,
איך וואלט מיט דיר מיטגעפאהרען,
מיט הייסע טרערן וואלט איך דיך באנעצט.

ווען איך זאל האבען דעם פאטאגראף פון דיר,
וואלט איך געווען די גליקליכסטע אויף דער וועלט!
„כ'וועל אויסדיענען דריי יאהר מיט אכט חדשים
און וועל דיך נעמען אהן א גראשען געלט".

(ווארשא)

14 Wievil treren...

וויפיעל טרערען...



15.

אָי, ס'איז ניש' גוט,
ס'איז נישטא קיין פרייע מינוט,
ס'געהט מיר ניש' איין מיין לעבען;
ווי שלעכט איז דאָס מיר,
ווי ביטער אָהן א שיעור,
אז מען האָט דיך פאר א זעלנער אפגעגעבען.

ס'וועט קומען אזא שעה,
וואָס דו ביזט נישטאָ,
ווי אזוי וועל איך עס קענען אויסהאלטען?
ס'וועט קומען אזא צייט,
ווען דו וועסט זיין גאנץ ווייט,
מיין קאָפּ וועט מיר ווערען צושפּאלטען.

מען האָט מיר אראָפּגענומען
דעם קרוין פון מיין קאָפּ,
מיין הארץ איז מיר געוואָרען צושניטען;
איך בין געבליבען שטעהן
איינע אליין
אין וויסטען וואלד, אין מיטען.

„ווי לאנג וועט געדויערן
דיין יאָמער און דיין קלאָג,
ווי לאנג וועסטו ניש' עסען און שלאָפען?

הער נאָר, מיין קרוין,
פארגעס אָן דיין געוויין,
צו גאָט דארפסטו שטענדיג האָפען.

הער נאָר, דו געטרייע,
דו בלייבסט דאָך א פרייע,
דו מוזט דאָך אין ווארשע פארבלייבען;
נאָר בעטען בעט איך דיר
גאָר אָהן א שיעור:
דו זאָלסט מיר א בריוועלע האָטש שרייבען.

קום נאָר אהער, מיין לעבען,
א קוש וועל איך דיר געבען,
דו זאָלסט מיר דיין פנים שענקען!
דו וועסט געניסען
דעם קוש דעם זיסען,
וועסטו מיך האָבען צו געדענקען".

(ווארשא)

16.

אין דרויסען איז א טריעבּער טאָג,
אין שטיבעלע איז א פּאַרע ;
כ'האָב אָפּגעלעבּט מיינע יונגע יאהרען,
ווי אין א פינסטערער כמאַרע.

ווי א פינסטערע כמאַרע
איז דער טאָג פון מיין געבוירען ;
איך האָב געהאַט א טייער'ן דימענט
און האָב איהם אנגעוואָרען.

איך האָב איהם אנגעוואָרען
און קען איהם נישט געפינען ;
שטעהן שטעהט ער פאר מיינע אויגען,
נאָר איך קען צו איהם נישט קומען.

איך קען צו איהם נישט קומען,
כ'קען מיט איהם נישט ריידען ;
אָי, פון אונזער הייסע ליעבע
מוזען מיר זיך צושיידען !

מיר מוזען זיך צושיידען,
ווי דער גוף פון די נשמה ;
אָי, קיין גוט'ס זאל דער נישט האָבען,
ווער עס דערלעבּט אָן אונז נקמה !

16 In droisen is a triber tug.

אין דרויסען איז א טריבער טאג



איך וועל זיצען און קלאָגען
ביז אין מיין גראָען צאָפּ,
ווייל מע האָט מיר צוגענומען
דעם קרוין פון מיין קאָפּ.

דעם קרוין פון מיין קאָפּ,
די צווייגען פון דעם בוים;
מ'האָט דאָך מיר צוגענומען
זעם שעהנסטען פארשוין!

אלע וואסערלעך לויפען אוועק,
די גריבעלעך בלייבען ליידיג;
אוי, וואו נעמט מען אזא מענטשין,
וואָס זאָל פארשטעהן מיין וועהטאג?

אזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען די שטערן איבערצעהלען;
אזוי איז אויך נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען מיינע וואונדען היילען.

(ווארשא)

III.
אונטרייע און אונגליקליכע ליעבע

(118—I)

1.

איך האָב מיך פאַרליעבט אין א שעהן יינגעלע,
שעהן איז ער געוועזען ווי גאָלד!
דאָרט נישט ווייט וואוינט ער אין א קליין שטיבעלע —
אָי, איהם האָב איך זעהר געוואָלט!

אָי, וויפיעל צרות האָב איך אויסגעליטען,
זינט כ'האָב איהם געטון דערקאָנען!
טייכען טרעהרען טו איך פערגיסען,
אז איך טו מיך אן איהם דערמאָנען.

די ביימעלעך בליהען, די יאהרעלעך פליהען,
די צייט געהט אוועק מיט'ן רויך;
אָי, זינט איך האָב זיין ליעבע דערקאָנט,
פון וויינען האָב איך שוין קיין כח!

נישט מעהר ווי דו, גאָט איינער,
נאָר דו קענסט וויסען מיין הארץ;
נישט מעהר ווי דו, גאָט מיינער,
נאָר דו קענסט מיר היילען מיין הארץ!

„צי פעהלט דיר דיין עסען?
צי פעהל דיר דיין טרינקען?
צי פעהלט דיר דיין שעהנער גאנג?
נאָך וועמען טוסטו טרויערן,
נאָך וועמען טוסטו בענקען,
טאָכטערשי, ווער טוט דיר באַנג?"

א חלום, טאַטעניו, א חלום, מאַמעניו,
א חלום האָט זיך מיר געדאַכט!
זיינע שוואַרצע אייגעלעך, זיינע זיסע ריידעלעך
האָבען מיך קראַנק געמאַכט.

1 Ich hob mich varliebt.

איך האָב מיך פערליעבט

Moderato.





קראַנק, טאַטעניו, קראַנק, מאַמעניו,
קראַנק האָט ער מיך געמאַכט!
ווען איך זאָל כאָטש דאָס איינע וואָרט הערן:
„דושעניו, אַ גוטע נאַכט!“

און נישט אַזוי ווייט די גוטע נאַכט,
ווי דאָס גוטע יאָהר;
נישט אַזוי ווייט זיינע שווארצע אייגעלעך,
ווי זיינע שווארצע האָאר.

זיינע אויגען און זיינע האָאר
זענען אויף פּאָטרעטען צו מאָהלען,
אַי, וואו נעהמט מען אַזאַ מיליאָנער,
וואָס זאָל האָבען פאר זיי צו בעצאָהלען!

איך האָב מיט איהם געפיהרט אַ ליעבע,
און ער האָט מיך אָפּגענארט.
אלע מיידעלעך, וואָס פיהרען ליעבעס,
זיי ווערען דאָך איינגעדארט.

ראָזשענקעס מיט מאנדלען האָט ער מיר געגעבען,
צי האָב איך עס דען געוואָלט?
און ווען איך וואָלט וויסען, אַז ער איז מיר פאַלש,
וואָלט איך איהם באַלד אויך נישט־געוואָלט.

מיינע צרות האָבען מיך ארומגערינגעלט,
אַזוי ווי אַ בעדנארזש אַ פאַס.
היינטיגע יינגעלעך איז אַזוי פיעל צו גלויבען,
אַזוי ווי דעם הונט אויף דער גאַס.

(ווארשא)

2.

„צי האָסטו נישט דיין עסען,
צי האָסטו נישט דיין טרינקען,
צי האָסטו נישט דיין שעהנעם גאַנג?
זאָג־זשע מיר, פויגעלע, נאָך וועמען טוסטו בענקען,
נאָך וועמען טוט דיר אזוי ביטער באַנג?“

באַנג טוט מיר נאָך מיין טייער לעבען,
נאָך א יינגעלע מיט שווארצע האָאר.
א פייער אין מיין הארץ, א פייער אין מיין הארץ,
א פייער אויף אייביגע יאָהר!

דו האָסט מיר דאָך צוגעזאגט בריוועלעך צו שרייבען,
די בריוועלעך האָבען מיך פאַרדאַרבען.
זאָג־זשע מיר, ליובע, צי ביזטו נאָך ערגעץ דאָ,
צי ביזטו שוין גאָר געשטאָרבען?

צי ביזטו געשטארבען, מיין טייער, זיס־לעבען?
צי ביזטו נאָך ערגעץ דאָ?
גאָט זאָל דיר שיינקען א גליקליכען לעבען
און מיר א גליקליכע שעה.

אָי, מיינע חבר'טעס אלע
האָבען נישט געשפילט אזא ראָלע;
דריי יאהר האָב איך אָ ליעבע געשפיעלט
און צום סוף נעמסטו אן אנדערע כלה.

מיין שעהנער, מיין טייערער קורטעזאנט!
ווי אזוי וועל איך עס קענען איבערשטעהן,

אז דו וועסט פיהרען דיין כלה ביי דער האנד
און איך וועל פון דערווייטענס שטעהן?

עס זאָל זיך אויפהויבען א ווינד,
עס זאל דיך פאַרוועהען צו מיר;
איך זאָל נאָך איינמאָל זעהן דיין בילד
און נאָך איינמאָל ריידען מיט דיר.

דו האָסט מיר געמאַכט א קליידעל, ליובע,
דאָס קליידעל איז געווען הימעל־בלאָ;
וואָס טויג מיר דיין בילד, וואָס ליגט ביי מיר אין קאַסטען
אז אליין ביזטו נישטאָ.

(יאססי, רומעניען)

3.

וועלכעס מיידעלע ס'וויל ביי טאַטע־מאַמע חשוב זיין,
איז עס דאָך ביי אלע מענשען טייער;
וועלכעס מיידעלע, אָי וועה, ס'וויל א ליעבע פיהרען,
פאַרברענען זאָל מען זי אויפ'ן פייער!

ער האָט געזאָגט ער קען אָהן מיר נישט לעבען,
אזוי ווי א פישעלע אָהן וואַסער.
מיינע גליקען, אָי וועה, האָבען זיך אויסגעלאָזט,
אזוי ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער.

(לובלין)

3 Welches maidele.

וועלכעס מיידעלע



4.

די לבנה שיינט אויפ'ן פרייען פעלד,
מיט מיין יונגען שכל האָב איך פאַרשפּיעלט מיין וועלט;
אָי, כ'האָב געטון אזא זאַך, כ'האָב מיך נישט באַטראַכט:
כ'האָב געמיינט עס איז טאָג, צום סוף איז גאָר נאַכט.

ער איז צו מיר אריינגעקומען,
מיט זיינע זיסע רייד האָט ער מיך גענומען;
אָי, גענומען האָט ער מיך מיט זיינע זיסע רייד
און אזוי האָט ער מיר מיין קאָפּ פאַרדרייט.

ער איז צו מיר אריינגעקומען,
איך בין נאָך געלעגען אויף מיין בעט;
אָי, א שעהנעם גוט מאָרגען האָט ער מיר אָפּגעשפּיעלט
אויף דעם פידעל און אויף דעם קלאַרנעט.

„אָי וועה, טאַכטער, די שטערן געהען אוים,
אז מע פאָלגט נישט א מאַמע, אזא סוף לאָזט זיך אוים!"
אָי וועה, מאַמע, ביזט אודאי גערעכט!
וועלכע מאַמע וויל דאָס, אז איהר קינד זאָל זיין שלעכט?

אָי וועה, מאַמע, כ'בין נאָך גאָר א יונג קינד!
איך האָב מיך פערליעבט אין א שעהנעם יונג;
אָי, איך האָב מיך פאַרליעבט און האָב ניש' קיין חרטה,
אז איך וועל איהם נישט נעמען—בעקום איך די סוחאָטע.

דונערן און בליצען זענען איבער מיר געלאָפען,
ווען ס'האָט געפעהלט, נאָר מיך האָט'ס געטראָפען.

4 Die l'wune schaint.

די לבנה שיינט



אָי, ווען ס'האָט געפעהלט, נאָר מיך האָט'ס געטראָפען,
אזוי איז מיר מיין הארץ אויף צווייען צובראָכען.

ער האָט מיר געגעבען א פינגערל פון גאָלד
און האָט מיר געשוואָרען, אז ער האָט מיך האָלט;
אָי, וואָס טויג מיר דיין זילבער וואָס טויג מיר דיין גאָלד?
אז דיר געפעהלט א פריילין פון דער היינטיגער וועלט.

שווארצע קארשען טוט מען אָפרייסען
און די רויטע לאָזט מען שטעהן.
מיט אנדערע מיידעלעך טוסטו שפאַצירען,
און מיך לאָזטו זיצען גאָר אליין.

(פוילען).

5.

די פייערדיגע ליעבע,
וואָס טוט אין הארצען ברענען;
וואָס טויג מיר א ליעבע פיהרען,
אז מיר קענען זיך נישט נעהמען!

ליעב האָב איך דיר,
ווי די גאנצע וועלט;
כ'וועל דיר נעהמען ווי דו שטעהסט און געהסט,
און אָהן א גראָשען געלט.

נאר שולדיג איז דיין פאָטער,
און שולדיג איז דיין מוטער;
איין גאָט אין הימעל ווייס,
ווי מיר איז נעבעך ביטער!

(בריסק, גראָד. גוב.)

5 Die faierdige liebe.

די פייערדיגע ליעבע

Moderato.



Die fai - er - di - ge lie - be, Wus



tüt in har - zen bre - nen; Wus



toig mir a lie - be füh - ren, As mir

ke - nen sich nischt neh - men!

6.

זי: אויפ'ן ים'עלע וועל איך פאָהרען,
אויפ'ן וואסער'ל וועל איך שווימען;
כ'וועל אוועקוואַרפען מיינע טייערע עלטערן, —
צו דיר, מיין ליובינקע, וועל איך קומען.

ער: אויפ'ן ים'עלע זאלסט ניט פאהרען,
אויפ'ן וואסער'ל זאלסט ניט שווימען;
זאָלסט ניט אוועקווארפען דיינע טייערע
עלטערן, —
און צו מיר, מיין ליובינקע, זאלסט ניט קומען.

(גראָדנער גוב.)

6 Oif'n jamele wel ich fohren.

אויפ'ן ים'עלע וועל איך פאָהרען

Moderato.



7.

אָי, מיין האַרץ וויינט אין מיר,
און מיינע אויגען טריקענען נישט,
טרערען רינען אָהן א שיעור
און נאָס איז די סטעזשקע, וואו איך גיב נאָר א טריט.
א פייער ברענט דאָך אין מיין האַרצען,
מיט קיין טרערען קען איך עס נישט לעשען,
איך וויים נישט, איך ווייס נישט, וואָס דו רעכענסט,
אז איך האָב שוין אַן דיר פאַרגעסען.

— אין מיטען דער נאַכט ביזטו מיר פאַרגעקומען
מיט די פאַלשע געדאַנקען וואָס טוסט אויף מיר טראָגען,
בין איך געבליבען ליעגען אָהן כחות און אָהן זינען,
כ׳גלויב נישט, כ׳גלויב נישט, זאָלסט עס אויף מיר זאָגען.
— פאַרפאַלען מיינע כחות מיט מיין געזונד,
אָי, ניין, וועסט מיר נישט איינריידען, ניין!
כ׳גלויב שוין, כ׳גלויב שוין נישט פון אצינד,
אז דו ביזט מיר פאַלש געוועזן.

— דאָס טרייהייט פון מיר וויסטו דאָך אליין,
צי דאַרף איך דיר דאָס פאַרצושטעלען?
אָי, מיין האַרץ איז דען א שטיין,
צי מיין איך דיר חלילה צו פאַרפיהרען?
— פאַרפאַלען מיינע כחות מיט מיין געזונד,
אָי, ניין, וועסט מיר נישט איינריידען, ניין!

7 **Oi, main harz waint in mir.**

אָי, מיין הארץ וויינט אין מיר



כ׳גלויב שוין, כ׳גלויב שוין נישט פון אצינד
אז דו ביזט מיר פאלש געווען.

— מ׳זאל אונזערע הערצער אויף צווייען צושניידען,
אַי, דענסטמאָל וואָלט מען דעם אמת געזעהן,
און דער וואָלט מוזען די שמערצען ליידען ,
ביי וועמען דאס פאלשקייט וואָלט זיך געטון דערגעהן.
— נאר אז מע וועט דיין הארץ שניידען
וועל איך דאָס נישט אויסהאַלטען, ניין!
מעהר פאר דיר וועל איך די שמערצען ליידען,
האָטש דער פאלשער ביזטו נאר אליין.

אך, וויפיעל יסורים האָב איך פון דיר אויסגעליטען?
און וויפיעל צרות בין איך פון דיר אויסגעשטאַנען?
מיט טרערען האָב איך מיר א וועג אויסגעשניטען,
ווען איך בין דיר צו דער ארבעט אנטקעגען געגאנ׳ען.
איך בין דיר צו דער ארבעט אנטקעגען געגאנ׳ען,
אין שנעען, אין רעגען און אין בלאָטע;
היינט האָט זיך פון אונזער ליעבע אויסגעלאָזט,
קוים וואָס איך באקום נישט די סוחאָטע.

(ווארשא)

8.

דעם ערשטען טאָג נאָך מיין באַגריף
האָט מיר די זונן געטאָן אָנווייזען,
אָבער די צרות וואָס מיין הארץ פיהלט —
בין איך שטארקער פון אייזען.
ווייל נאר צו דיר ציהט מיין הארץ,
אזוי ווי א מאגנעט ציהט צו שטאהל;
איבער די צרות וואָס מיין הארץ פיהלט,
ברענט אין מיר די ליעבע גאר אָהן א צאָהל.

וואָלקען, וואָלקען טרינקט זיך אָן און שלינגט מיך
אויכעט איין,
אין א קורצער צייט זאלט איהר מיט מיר פליהען,
אָי, פליהען זאָלט איהר מיט מיר און שוועבען,
ווי מיין הארץ וועט גלויבען.
ווייל נאָר צו דיר א. ז. וו.

אויף אלע פעלדער וואקסען תבואות
און די תבואה טוט נאָך וויאנען;
מיר האָבעןביידע א ליעבע געפיהרט,
האָבען מיר געקראגען פיעל שונאים.
ווייל נאר צו דיר א. ז. וו.

כ'האָב פארזייעט גערשטען,
איז ארויסגעוואקסען קאָרן;
מיר האָבען ביידע א ליעבע געפיהרט
און עס איז גאָר נישט געוואָרען.
ווייל נאָר צו דיר א. ז. וו.

(ברעסט ליטאווסק גראד. גוב.)

9.

זומער אין די היצען,
מיר פלעגעןביידע זיצען,
קיין שום מענטש האָט פון אונזער ליעבע נישט געוויסט;
אַצינדערט, אָי, אַצינדערט קלינגט אין אלע גאַסען,
אז אונזער אויסגאַנג איז געוועזען אומזיסט.

די לבנה מיט די שטערען
פלעגען אלץ אויסהערען,
ווי דו האָסט צו מיר גערעדט אזוי געטריי.
אויף דיינע פאַלשע רייד פאַרגים איך טייכען טרערען.
אַדיע, מיין לעבען, פראַשטשאַי!

אויף דעם הויכען באַרג,
אויף דעם הויכען באַרג
ציהט דאָך מיין הארץ צו דיר;
זאָג־זשע מיר, דושע־לעבען, מיט'ן גאַנצען הארצען:
צי ליעבסטו א שענערע פון מיר?

דו האָסט דאָך מיר צוגעזאגט,
אז דו וועסט מיך נעמען,
טאָ האָב־זשע שוין התונה מיט מיר!
אַצינדערט, אָי, אַצינדערט וועל איך מעגען זאָגען,
אז מיין לעבען פארשפיעל איך דורך דיר.

און אז דו פאָהרסט אוועק,
און אז דו פאָהרסט אוועק,

9 Sümmer in die hatzen.

זומער אין די היצען



ווי שלעכט וועט מיר דאָ זיין!
ס'וועט דאָך מיר אויסקומען אין וואַסער זיך צו־וואַרפען,
אַז מיינע עלטערן וועלען מיך נישט לאָזען אריין.

העלפט־זשע מיר, חבר'טאַרינס,
צו וויינען און צו קלאָגען,
צו טרויערן גלייך מיט מיר.
אַצינדערט, אַי, אַצינדערט וועל איך קענען זאָגען:
אז מיין לעבען פארשפּיעל איך דורך דיר.

(קיעווער גוב.)

10.

ס'איז געווען א אינגעל פון אַכטצעהן יאָהר,
זיין געליעבטע האָט ער פערלאָזען גאָר.

איך האָב געלאָזט מיין געליעבטע שטעהן
און אליין, אליין בין איך אוועק אהיים.

ניט וויין, ניט וויין מיין געליעבטעס קינד,
דיינע אויגעלעך קענען ווערען בלינד.

(ריגא)

10 S'is geven a jüngel.

ס'איז געווען א אינגעל



11.

שעהן ביזטו, לובטשו, לובטשו!
שעהן ווי די גאנצע וועלט!
נאר איין חסרון איז אין דיר —
וואָס דו האָסט קיין געלט.

„געלט איז קיילעכדיג, קיילעכדיג,
געלט געהט אוועק!
איך וועל מיך הענגען, כ׳וועל מיך טרענקען, —
שיק מיר דיין פּאָטרעט!“

מיין פּאטרעט האָב איך אוועקגעשיקט, אוועקגעשיקט
פאר צוויי טויזענד מייל.
כ׳האָב געמיינט אונזער ליעבע איז אויף אייביג,
צום סוף איז זי אויף דערווייל.

כ׳וואָלט דיך גענומען, גענומען
אין דעם איינעם קליידעל;
נאָר די וועלט זאָל אויף דיר נישט זאָגען,
אז דו ביזט קיין אָרענטליך מיידעל.

כ׳וואָלט דיך גענומען, גענומען
אָהן אַ גראָשען געלט,
נאָר איין חסרון איז אין דיר,
וואָס עס קלינגט מיט דיר די וועלט.

„אין דרויסען גיעסט אַ רעגען, אַ רעגען,
די שטיינער זענען נאָס;
איך זעה איין, אז דיר איז צו גלויבען,
ווי דעם הונד אויף דער גאָס!“

(ווארשא)

11 Schain bistü lubtschu.

שעהן ביזטו, לובטשו



12.

וויִ אַ שעהנע רויז האָב איך געבליהט,
שעהנע בלעטעלעך איז ארום מיר געווען;
ווער סע האָט זיי אויסגעריסען,
זאָל אַ קלאָג צו דעם געשעהן!

איך בין מיט איהם ארומגעגאנגען
און מיין מאַמע האָט פון דעם נישט געוואוסט,
אלע חבר'טאָרינס פלעגען מיר זאָגען,
אז אונזער ליעבע וועט זיין אומזיסט.

(קיעווער גוב.)

12 Wie a schejne rois.

ווי א שעהנע רויז



13.

בין איך מיר געגאנגען פישעלאך קויפען,
האָב איך מיר געקויפט א העכט;
און ווער עס איז שולדיג אין אונזער ליעבע,
דער זאָל אויסגעהן ווי א לעכט!

אָהן קיין שטיינער, אָהן קיין ציעגעל
קען מען קיין הויז ניט מויערן;
ס'איז נישט פארהאנען קיין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס ער זאָל מיך נישט באדויערן.

(ווארשא)

13 Bin jach mir gegangen.

בין איך מיר געגאנגען



14.

קום נאר אהער, מיין טייער, זים לעבען,
וואָס ביזטו פון מיר אזוי ווייט ?
הער, לאָמיר ביידע חתונה האָבען,
מיר פיהרען זיך שוין אום אזא צייט.

אָי, אזא צייט ווי מיר פיהרען זיך שוין אום,
אַ יאהר, און צוויי, און דריי ;
ווען איך האָב דיר געבעטען א קנס־מאל מאכען,
האָסטו געזאגט : דיין הארץ איז ניט דאבײ.

אָי, א קנס־מאל איז שוין ביי אונז געוועז׳ן,
אבער קיין חתונה נאָך ניט.
ווען איך האָב געבעטען א חתונה מאכען,
האָסטו געזאגט, דיין מאמע לאָזט דיך ניט.

נאר מיט א קללה וועל איך דיין מאַמען טון שילטען,
אז איהרע קינדער זאָלען אויך יתומים בלייבען :
אָהן א טאַטען, און עלענד, אָהן א מאַמען,
אזוי עלענד ווי איך בין געבליעבען.

„אך, מיין מאַמען האָסטו ניט וואָס צו שילטען,
בפרט אז איך בין נאָך דערביי ;
וואו האָט מען געזעהן אַן אייגענע מוטער,
זי זאָל איהר קינד ניט זיין געטריי ?

14 Kum nor aher, main taier.

קום נאָר אהער, מיין טייער



קום נאָר אהער, מייז טייער, זים לעבען,
ניט איך האָב שולד דערויין:
ווען איך האָב געוואָלט מיט דיר חתונה האָבען,
שטערט מיר מיין טאַטע דערויין".

מיט א באַזונדערע קללה וועל איך דיין טאַטען
פון שילטען,
פאר וואָס ער פייניגט מיר:
איך זאָל נאָך אמאָל ווערט זיין ביי גאָט,
אז ער זאָל נאָך קומען צו מיין טיר.

„קום נאר אהער, מיין טייער, זים לעבען,
ניט איך בין שולדיג דערויין:
ווען איך האָב געוואָלט מיט דיר חתונה האָבען,
שטערט מיר מיין שוועסטער, ס'זאל ניט זיין".

מיט א באַזונדערע קללה וועל איך דיין שוועסטער
פון שילטען,
ס'זאל איהר אויך אזוי זיין ווי מיר:
דריי יאהר מיט א חתן זאל זי זיך ארומפיהרען
דערנאָך זאל ער זיך אויסלאכען פון איהר.

(ווילנא)

15.

אָך, איהר מענטשען, איהר טוט מיך נאר בעדענקען,
אויף וואס פאר א לאַגע עך טו יעצט שטעהן!
אז עך זעה דעם מענטשען, טוט עס מיך קרענקען
און דערצו מיט אנאנדער מיידעל געהן.
מיין הארץ צוגעהט, ווי וואַקס אין פייער,
עס זענען זיך מחיה מיינע חבר'טעס אלע,
וואָס איך בין מיט איהם ברוגז געווארען,
און אנאנדער מיידעל וועט זיין זיין כלה.

צי איז זי דען שעהנער פון מיר,
צי האָט זי דען פיעל מעהרער געלט?
ניין, זי איז נאר געקומען אויף דיינע יונגע יאהר,
זי זאל דיר אפגעבען דיין וועלט,
מיין הארץ צוגעהט, א. ז. וו.

דו פלעגסט דאָך צו מיר אויבעט קומען,
דעם אמת פלעגסטו וויסען, אז איך פלעג מיך נישט שטערען.
דו האָסט מעך פון דיר אוועקגעטריבען,
זאָלסט פאר אנאנדער מיידעל א חתן ווערען.
מיין הארץ צוגעהט, א. ז. וו.

(גאלאץ, רומעניען)

16.

איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען,
כ'קען אָהן דיר נישט לעבען איין מינוט!
דו ביזט ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען,
אָי, נעמען, דושעניו, קען איך דיך ניט.

אוי, וואָש דיר אָפּ דיינע צוויי ווייסע הענד,
און דריק זיי פעסט צו מיין הארצען צו!
אָי, ווּעסטו זעהן, מיין געטרייע ליובעניו,
ווי איך האָב דיך אמת ליעב.

ליעגען, ליעג איך אויף מיין געלעגער,
אנטשלאָפען ווערען קען איך, אָי ווּעה, ניט!
און דאָס הארץ קלאַפּט דאָרט ווי אַ זייגער,
אָי, צייט דו האָסט מיך אונגליקליך געמאכט!

צי געדענקסטו ווי איך בין שעהן געוועזן,
און מיין פּנים האָט ווי די זונן געשיינט?
אָי, היינט קוק־זשע מיך אָן, ליובעניו,
מיין פּנים איז שווארץ ווי קויל היינט.

איך האָב אזוי פיעל אין דיר געגלויבט,
אַלץ אין דיר, מיין פאַלשער גוטער פריינד;
דו האָסט מיר מיט א וואָלקען די אויגען צוגעמאַכט,
און דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט.

שטעהן שטעה איך, אָי ווּעה, אין מיטען ים,
איך קען ניט קומען צו א ברעג;
דו האָסט מיר מיין חיות ארויסגעצויגען,
און דו גיסט עס מיר ניט צוריק אוועק.

(לאָמזשע)

16 Ich hob dich lieb.

איך האָב דיך ליעב



17.

מע זאָגט, אז א ליעבע איז א קרענק, וועה איז מיר!
א ליעבע איז אן אונגליק אויף דער וועלט;
פון א ליעבע קריגט מען א לונגען־פעלער,
דורך דער ליעבע געהען קינדער פון דער וועלט.

וואָס האָסטו זיך אין מיר פערליעבט, וועה איז מיר!
צי איז דען נישטאָ קיין שעהנערע פון מיר?
צי איז דען נישטאָ קיין שעהנערע מיט געלט?
צי בין איך דען נאָר איינע אויף דער וועלט?

געלט האָב איך שוין געזעהען, וועה איז מיר!
שעהנהייט מאכט ביי מיר נישט אויס,
אז איך רעד מיט דיר צוויי קלוגע ווערטער
ציהסטו מיר מיין חיות ארויס.

אויף דיינע תנאים האָסטו מיך געבעטען, וועה איז מיר!
אויף דיינע תנאים בין איך ביי דיר געוועזן;
דעם מזל־טוב האָב איך דיר אָבגעגעבען —
און א פייער האָט זיך אין מיר צוברענט.

אויף דיין חתונה האָסטו מיך געבעטען, וועה איז מיר!
אויף דיין חתונה בין איך ביי דיר געוועזן,
יעדער איינער טוט טייטען מיט די פינגער:
אָט דאָס איז דער חתן דער פריהריגער געוועזן!

אז מען נעמט ארויס א בלום פון גאָרטען, וועה איז מיר!
און מען זעצט עס אויף א צווייטען אָרט,
קען עס שוין קיין מאָל נישט בליהען
אזוי ווי אויף דעם ערשטען אָרט.

17 Me sugt, as a liebe is a krejnk.

מע זאגט, אז א ליעבע איז א קרענק



18.

איך האָב געשפּיעלט א ליעבע,
כ'האָב געפיהרט א ראָלע!
כ'האָב צוגעזאגט א יינגעלע,
אז איך וועל זיין זיין כלה.

ניט אזוי א כלה,
ווי אַן אייגען ווייב;
צרות און שמערצען
טראָג איך אויף מיין לייב.

צרות און שמערצען
קען קיין דאָקטאָר היילען,
דעם גרונט פון מיין הערצען
קען איך קיינעם ניט דערציילען.

זיץ איך מיר אין וויינגארטען,
דער רעגען גיסט אויף מיר,
אזוי ווער איך אָן
מיין שעהנעם קאליר.

ניט אזוי דעם קאָליר,
ווי די ראָזע בעקלעך,
מיינע שמערצען אין מיר
זענען זעהר שרעקלעך.

מיינע שמערצען אין מיר
קען קיין דאָקטאר היילען,
די צרות פון מיין הערצען
קען איך קיינעם ניט דערצעהלען.

(טשימראוויץ, פאדאלער גוב.)

18 Ich hob gespielt a liebe.

איך האָב געשפּיעלט א ליעבע



19.

ביי מיין מאַמע'ס הייזעלע, הייזעלע,
בין איך מיר געשטאַנען;
אָך, מיין טייער לעבען,
איז פאַרבייגעגאַנ'ען!

מיט די בלאָע אייגעלעך, אייגעלעך,
מיט די בלאָנדע האָאר;
כ'האָב געמיינט, אז וואָס ער רעדט
איז דאָך אלץ וואָהר.

כ'האָב געמיינט, אויף זיינע רייד, אויף זיינע רייד,
קען מען שטעלען מויערן;
ער האָט דאָך מיר אזוינס געטון...
אז איך מוז נאָר וויינען און טרויערן.

אָך ווען, מאַמעשי, מאַמעשי!
מאַמעשי, איך פאַל!
זינט כ'האָב אנגעהויבען א ליעבע פיהרען,
פלאַצט אין מיר די גאַל.

א ליעבע צו פיהרען, צו פיהרען,
איז דאָך גאָר קיין וואונדער:
ס'נעמט ארויס די מאַרך פון די ביינער,
פון יעדען אבר באזונדער.

(ווארשא)

19 Ba man mames hasele.

ביי מיין מאמע'ס הייזעלע



20.

(מיטגעטיילט פון מאיר בלינקין)

איך נעם מיר די פיעדעלע אין דער האנד,
אין מיינע געדאנקען בין איך מיר פארטיעפט;
אט די ליעד איז מיר שרעקליך באקאנט,
ס'פארשטייט מיין הארץ גאנץ גוט.
עס האט מיך געטראפען אן אומגליק,
וואס איך קען פאר קיינעם ניט ארויס געבען, —
איך האב זיך גאנץ גוט באקלערט,
גאט ווייסט, ווי לאנג איך וועל לעבען!

איך האב שוין גאנץ גוט באטראכט,
אט די ליעבע מיט איהר שלעכטען ציעל;
מע בלייב אהן געזונד און אהן קראפט,
דער וואס האט נאר אין א ליעבע א געפיהל.
אי, א ליעבע איז אן אומגליק אויף דער וועלט,
צו וועמען זי קומט נאר אריין:
מען בלייבט אהן געזונד און אהן געלד,
וואס ערגער קען שוין ניט זיין.

אט די ליעבע מיט איהרע מינעס די שעהנע,
ווי א מאגנעט ציהט זי דיך צו;
דו מיינסט, אז ער איז נאר איינער
און דערצו רעדט ער דיך צו.

20 Ich nejm mir dir fidele in der hand.

איך נעם מיר די פידעלע אין דער האנד



אבער ניין, ליובענו, ניין,
פארבלענט זיינען דיר דיינע אויגען!
אַט די ליעבע מיט איהרע צרות
זי וועט דיך צו דער ערד צו בויגען.

זי וועט דיך צו דער ערד צובויגען
און וועט דיך צוטרעטען מיט די פיס;
דו מיינסט, אז ער האַט דיך אמת ליעב,
ווען ער טוט דיך נאָר פון ווייטענס א קיש?
אַ ניין, ליובעניו, ניין,
רחמנות זאָלסטו האָבען אויף זיך!
דו וועסט זיך צו שפעט ארומקוקען
און וועסט ניט קענען כאפען צוריק!

(פערעיאסלאוו, פאלטאוו גוב.)

21.

א ליעבע האָב איך געפיהרט
מיט אַ געוויסע פריילען,
צוויי יאהר האָב איך איהר שטודירט,
פון דעם האָט נישט געוואוסט קיינער.

דאס דארף מען מיר באדויערן,
ווער דאס קען נאָר פארשטעהן;
אזוי פיעל יאהר א ליעבע צו פיהרען,
דאָס מיינט מען מיין רוזשע אליין.

איך בין מיט איהר שפּאַציערענס געגאַנגען,
אַלע מאָל שפּעט ביי נאַכט,
מענטשען האָבען צו מיר פּרעטענזיעס געהאַט,
און איך האָב פאר איהר מיין האַלז געשטרעקט.

איך האָב פאר איהר מיין האַלז געשטרעקט,
טרערען זענען גערונען פון מיינע אויגען;
היינט בין איך דערגאַנגען, אז זי איז מיר פאלש,
די נשמה האָט זי פון מיר ארויסגעצויגען.

נאר אין דעם איז נישט שולדיג קיינער,
נאָר מיינע גוטע ברידער אליין;
עס איז נישטא אויף דער וועלט נאָך איינער,
וואָס זאָל קענען מיין אונגליק פארשטעהן.

(פּוילען)

22.

זי: עך קען שוין נישט מעהר אזוי פיעל זיין פערבארגען,
עך ענטדעק שוין אויף מיין שווער ביטער הערץ,
עך קען שוין נישט ווארטען אפילו ביז מארגען,
ווייל מיין הערץ איז פול מיט שמערץ.

ער: דיינע שמערצען פון דיינעם הערצען,
זיי קימערן מיך שוין נישט אזוי ווי פריה'ר;
זאלסט גאר שוין נישט דענקען נאך מיר צו בענקען,
ווייל עך ליעב שוין א שעהנערע פאר דיר!

זי: דו זאלסט נישט מיינען, אז דו וועסט מיך ענטוויינען,
און וועסט נעמען אן אנדער מיידעל גאר פראנק און
פריי...
דו זאלסט קליגער ווערען און צו מיר אומקערען
וועלען מיר שפיעלען די ליעבע אויפ'ס ניי.

ער: דו זאלסט נישט גלויבען אויף דיינעם לעבען,
אז עך וועל נאך זיין דיין שעהנער פאטרעט;
אז עך טו מיך בעדענקען, טוט עס מיך קרענקען
אויף דער צייט, וואס כ'האב מיט דיר גערעדט.

זי: בעטראכט נאר מיין לאגע, מיין שווער ביטערע פלאגע,
צייט דו ביזט אוועק פון מיר,
מיינע אויגען טון נישט זעהן פון פיעל געוויין,
ווען עך דערמאן מיך נאר אן דיר.

22 Ech ken schoin nischt mehr...

עך קען שוין נישט מעהר...



ער: דיין געוויין קען עך גאָר נישט פארשטעהן,
וואָס דו וויינסט גאר אָהן א שיעור!
דו טוסט נאָר קלערען א כלה צו ווערען
נישט פאר קיין אנדערן, נאר פאר מיר!

זי: מיינע טרערען איז די טינט,
און מיינע הענד איז דאָס שרייב־פּאַפּיר,
און מיינע פינגער זענען די פּעניך,
דערמיט שרייב איך א בריעף צו דיר.

ער: אָך, דיינע בריעף, זענען ביי מיר קיין בעגריף,
זיי זענען ביי מיר וויניג וואָס געאַכט;
זאָלסט זיי מעהר נשט שיקען, כ'וועל זיי מעהר נישט אנקוקען,
דאָס שווער איך דיר צו די היינטיגע נאַכט!

(גאלאץ, רומעניען)

23.

איך האָב געמיינט, ער וועט מיך אייביג ליעבען,
און וועט מיר קיינמאָל ניט פארגעסען;
צום סוף האָט ער געטון מיין הארץ באטריבען,
און האָט מיר געטון מיין לונג אויפעסען.

ער האָט מיר געבונדען די הענד מיט די פיס,
און האָט מיר געלאָזען שווימען;
ער האָט מיר באוויזען וואָס ליעבע איז,
און וויל ניט איך זאל צו איהם קומען.

ער האָט מיר געבונדען די הענד מיט די פיס,
און האָט מיר געלאזען שטעהן;
ער האָט מיר באוויזען וואס ליעבע איז
און וויל מיט מיר מעהר ניט געהן.

איך האָב געפלאנצט אַ שעהנעם וויינגארטען,
און דער וויינגארטען איז מיר ניט געראטען;
איך האָב פארשפיעלט מיינע יונגע יאהרען,
אזוי ווי אַ קאָרטעטשניק אין קארטען.

א קארטעטשניק פארשפיעלט, פארשפיעלט ער געלט,
און געלט קען מען צוריק געווינען;
איך האָב פארשפיעלט מיינע יונגע יאהרען,
און קען זיי צוריק ניט געווינען.

(טשימעראוויץ, פאדאלער גוב.)

24.

(וואַריאַנט)

צו דעם ים יאָגט אַ קוואַל, יאָגט אַ קוואַל,
דעם קוואַל קען קיינער נישט דעריאָגען.
ליעבען ליעב איך דיך פון טיעפען הארצען,
פאר קיינעם קען איך עס נישט זאָגען.

צי ליעבסטו מיך פון טיעפען הארצען, פון טיעפען
הארצען,
צי ליעבסטו נאָר מיין שעהן פנים?
דו האָסט מיך גאָר אוועקגעקוילעט,
אזוי ווי די רעכטע גזלנים.

אז א גזלן קוילעט א מענטשען, קוילעט א מענטשען,
קוילעט ער איהם מיט א מעסער;
דו האָסט מיך געקוילעט מיט דיינע פאלשע רייד, —
איז מיר דאָס אומגליק נאָך גרעסער.

מיין מאַמע האָט געשטעלט א הייזעלע, א הייזעלע,
איז עס געווען מיט דריי פענסטער;
וויפיעל חתנים מע האָט מיר גערעדט,
ביזטו אַלץ געווען דער שעהנסטער!

איך האָב מיר געפלאַנצט א וויינגאָרטען, א וויינגאָרטען,
דער וויינגאָרטען איז מיר נישט געראָטען;
איך האָב פארשפיעלט מיינע יונגע יאהרען,
אזוי ווי אַ קאָרטאָוונִיק אין קאָרטען.

אז א קאָרטאָוונִיק פארשפיעלט אין קאָרטען, פאר-
שפיעלט אין קאָרטען,
פארשפיעלט ער דאָך נאָר דאָס געלט;
איך האָב פארשפיעלט מיינע יונגע יאהרען,
און דערצו אזא שעהנע וועלט!

(ווארשא)

24 Zü dem jam jugt a qual.

צו דעם ים יאגט א קוואל

Allegretto.



25.

א ליעבע איז א'ן אומגליק אויף דער וועלט,
צו וועמען זי פאַלט נאָר אריין,
עס קאָסט אַפּ פיעל כחות און געלט, —
צי קען מיר דען ערגער זיין?
צו וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסען,
א ליעבע אויף דער וועלט צו ברענגען?
מיין האַרץ איז מיר אויסגעריסען...
דורך א ליעבע קען מען זיך נאך הענגען.

היינט זיצען מיר ביידע אויף א באנק,
צו מאָרגענס טוסטו אוועקפאהרען;
פון הארצוועהטאָג בין איך שוין קראנק,
אוי וועה איז צו מיינע יונגע יאהרען!
צייט כ'האב אנגעהויבען א ליעבע פיהרען,
אזוי לייד איך צרות און נויט.
דורך א ליעבע קען מען זיך איבערפיהרען
און יונגערהייד בעקומען דעם טויט.

א ליעבע, ווען זי פיהרט זיך גלייך
און עלטערן שטערען זי נישט,
איז נישטא קיין בעסערע זאך,
ווי דאס איז צוקער־זיס.
צו וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסען
אויף דער וועלט א ליעבע צו ברענגען?
מיין האַרץ איז מיר אויסגעריסען...
דורך א ליעבע קען מען זיך נאך הענגען!

(ווארשא)

25 A liebe is an ümglük oif der welt.

א ליעבע איז א'ן אומגליק אויף דער וועלט

Moderato.



26.

איך האָב געאַקערט און געזעעט,
כדי מיין תבואה זאָל ניט ברענען —
און ווער עס האָט מיך פון מיין טייער לעבען צושיידט,
דעם זאָל די ערד נישט צונעמען!

איך האָב צו וויינען און צו קלאָגען,
אזוי ווי איינער אויף א חורבן;
מיין מאַמע פלעגט מיר שטענדיג זאָגען,
אז מיין זווג איז געשטאָרבען.

אָי, אז ער איז געשטארבען,
איז דאָך א שאד איהם צו באגראָבען...
אזא חתן, ווי איך האָב געהאַט,
וועל איך קיינמאָל שוין נישט האָבען.

איך האָב איהם געגעבען א זייגער
מיט א גאָלדענעם וווייזער.
ווער עס האָט נאָר אין אונזער ליעבע שולד,
דער זאָל ארומגעהן אייביג אין די הייזער!

אין די הייזער זאלען זיי בעטלען געהן,
אויף אלע שוועלען זאָלען זיי אנטרעטען;
אין וועלכען אָרט זיי וועלען נאָר אריינקומען,
זאָל מען זיי זאָגען: „איהר זענט שוין דאָ געוועזען!"

ער איז צו מיר אריינגעקומען,
ער איז געוועזען מיין לעבען;
דאָס שעהנסטע פרי'לע פון דעם צווייגעלע
האָב איך איהם אוועקגעגעבען.

ער איז צו מיר אריינגעקומען,
איך האָב איהם געליעבט ווי מיין לעבען;
דאָס שעהנסטע צווייגעלע פון דעם ביימעלע
האָב איך איהם אוועקגעגעבען! (ווארשא)

26 Ich hob geakert.

איך האב געאקערט



27.

הער נאָר אויס, מאַמעניו!
פון מיין רייך זאלסטו וויסען:
כ'האָב געהאַט אַ טייערן וויינגארטען,
האָב איך עס געטאָן פארשליסען...

ער האָט ביי מיר נישט אָנגעפרעגט
און איז צו מיר אריינגעקומען;
דאָס שעהנסטע פּרי'לע פון דעם ביימעלע
האָט ער ביי מיר צוגענומען...

ער האָט מיר געשאָנקען אַ פינגערעל,
איך זאָל עס טראָגען אויף מיין פינגער.
ווער ס'האָט נאָר אין אונזער ליעבע שולד,
דער זאָל שטארבען פאַר הונגער!

ער האָט מיר געשאָנקען אַ זייגערעל
מיט אַ גאָלדענעם ווייזער.
ווער ס'איז שולדיג אין אונזער ליעבע,
זאָל ארומגעהן אייביג אין די הייזער!

ער האָט מיר געשאָנקען אַ טיכעלע
פון אַלערהאַנד קאָלאָרען.
זיין בילד ליעגט ביי מיר אין הארצען
און אליין איז ער אוועקגעפאָהרען.

ווען מיין הארץ זאָל אויס אייזען זיין,
וואָלט עס מיר גערדאַרפט פּלאַצען.
אז אונזער ליעבע וועט ווערען אויסגעפיהרט,
וועל איך מיך גליקליך שאַצען.

(ווארשא)

27 Hör nor ois, mamenu!

הער נאר אויס, מאמעניו!



28.

אי וועה, מאמע, איך שפּיעל א ליעבע
און ס'טוט מיר וועה מיין הארץ,
ווער עס שפּיעלט א פאלשע ליעבע,
דער קאן פיהלען מיין ביטער הארץ.

אויף מאָרגען געה איך צו מיין ארבעט
זעה איך מיין געליעבטען מיט א צווייטע געהן;
איך האָב אָפּגעווישט מיין ליפּעלעך
און בין אוועק מיט א גרויס געוויי'ן.

און שפּעטער געה איך מיר צו מיין ארבייט
זעה איך שוין מיין געליעבטען אליין שטעהן,
וויפיעל איך האָב מיט איהם איינגע'טענה'ט
האָב איך דאָס פאלשקייט פון איהם ארויסגעזעהן.

צוועלף א זייגער ביי דער נאכט
אין דרויסען איז געווען קאלט,
איך האָב אראָפּגענומען דאָס זיידען טיכעלע
און אָנגעטון איהם אויפ'ן האלז.

שפּעט ביי נאכט בין איך אהיים געקומען,
פרעגט מיך מיין מוטער: וואו ביזטו געווען?
אי וועה, מאמע, דאָס זיידען טיכעלע,
דאָס זיידען טיכעלע וועסטו שוין מעהר נישט זעהן!

ווי די מוטער האָט דאָס דערהערט
האָט זי זיך באגאָסען מיט טרערען.

אַי וועה, ערשט נעכטען האָט ער מיר צוגעזאָגט —
און היינט איז ער אוועק אַ חתן ווערען.

ווען ער איז אוועק אַ חתן ווערען
בין איך געשטאַנען אונטער דער טיר,
אַי וועה, מאַמע, איך האָב זיך איינגעהערט,
רעדט ער נישט קיין שלעכטס אויף מיר.

(פּאָדאָלער גוב.)

29.

אָך, מענטשען, איהר מענטשען, צי האָט איהר געהערט,
צי ווייסט איהר נאָך פון אַזאַ צאָרן?
מיין ליעבע איז דאָך מיר געוואָר'ן פארשטערט,
דורך דער ליעבע בין איך שוין קראנק געוואָרן!

אָי, פינצטער און ביטער איז מיר מיין וועלט,
ס'איז אויף מיר ארוים גאָט'ס צאָרן:
כ'האָב אויסגעשווימען דעם גאַנצען ים,
נאָר ביי'ם ברעג בין איך דערטרונקען געוואָרן.

אַ טייערן שפּיגעל האָב איך אויף מיין הארצען געטראָגען
יעטוועדער איז מיר מקנא געווען;
איצט איז מיר געוואָרען מיין שפּיגעל צושלאָגען,
ווער קען נאָך אַזאַ שאָדען אויסשטעהן?

אָי, פינצטער און ביטער איז מיר מיין וועלט,
ס'איז אויף מיר ארוים גאָט'ס צאָרן:
איך האָב אויסגעשווימען דעם גאַנצען ים,
נאָר ביי'ם ברעג בין איך דערטרונקען געוואָרן.

(לובלינער גוב.)

30.

אָי וועה, בריינע!
איך האָב צו דיר א טענה:
טו־זשע אָן דאָס רויטע קליידעל
און קום מיט מיר אין טשיינע.

זי געהט מיט מיר אין טשיינע
און האלט זיך ביי זיך גרוים ;
אז זי דערזעהט א נייע ליובע,
שטופט זי מיך ארוים.

ווי לאנג קרענקט די ליובע,
ווי לאנג איך האָב זי ליעב!
איך האָב א נייע ליובע,
זי קומט צו מיר אין שטוב ;

איך האָב א נייע ליובע,
מיט מזל און מיט גליק!
אז איך געה מיט איהר שפאצירען,
פיהרט זי מיך אָפּ צוריק.

(פערעיאסלאוו, פאלטאוועער גוב.)

30 Oi, wej, Braine!

אי, וועה, בריינע!

Moderato.



Oi, wej, Brai - ne! Ich hob zü dir a



tai - ne: Tü - źe uhn dus roi - te klej - del Ün



küm mit mir in tschai-ne, Tü - źe uhn dus



roi - te klej - del Ün küm mit mir in tschaine.

31.

(מיטגעטיילט פון חיים דיימאַנדסטאון)

אין מזרח זייט הייבט שוין אָן צו טאָגען,
פיהר מיך אָפּ אהיים.
וואָס פאר א תירוץ וועל איך זאָגען,
פאר מיין מאמען אין דר׳היים?

„דעם ערשטען תירוץ זאָלסטו זאָגען,
אז דו האָסט געארבעט שפּעט;
דעם צווייטען תירוץ זאָלסטו זאָגען,
אז דו האָסט געבלאָנדזשעט אין וועג".

(מעזשבוזש, פּאָד. גוב.)

31 In misrach sait.

אין מזרח זייט

Andante.



In misrach sait hejbt schoin un zü tu - gen



Führ mich up.... a hejm!.....



Wus far a te - rez sol ich su - gen,

Far main ma - men in d'r - hejm?..

32.

פון דער גאנצער וועלט בין איך פערלאָזען,
אך, ווי אומגליקליך בין איך אצינד!
אין אייזערנע קייטען בין איך פארשלאסען,
און פון וויינען בין איך שוין בלינד.
מיין האָפנונג האָב איך שוין לאנג אנגעוואָרען,
די נאכט קומט אָן, ס'איז מיר ווערה;
פארמאַכט זענען פאר מיר אלע טויערן,
פארנעם שוין, גאָט, מיין ביטער געשריי!

אין מיינעם הארצען איז מיר אנגעריסען,
מיינע יאהרען פליהען מיט'ן רויך אוועק;
ווי איך בליק נאָר פון אילע זייטען,
זעהט מיר דארטען אזוי טרויעריג אויס.
שיק שוין, גאָט, די גוטע צייטען
און נעם מיך שוין פון די צרות ארויס!

ווער וויים, ווי לאַנג דאס קען געדויערן?
וואו נעמט מען דעם כח דאָס איבערצושטעהן?
צובראכען וואָלט איך אלע מויערן,
און מיט מיין געליעבטען זיך אויך צו זעהן.
מיין האָפנונג האָב איך שוין לאַנג אנגעוואָרען, א.ז.וו.

אך, די פאלשע ליעבע מיט איהרע אקראַטירען, (?)
זי האָט מיר געראובט מיין גאַנץ געזונד,
זי האָט מיר געטון אזוי פארפיהרען,
אך, ווי אומגליקליך בין איך אצונד!
מיין האָפנונג האָב איך שוין לאנג אנגעוואָרען,
די נאכט קומט אָן, ס'איז מיר ווערה;
פארמאכט זענען פאר מיר אלע טויערן,
פארנעם שוין, גאָט, מיין ביטער געשריי!

(יאססי, רומעניען)

33.

אין שפּיטעלכעל בין איך מיר געלעגען,
קיינער איז צו מיר נישט געקומען.
רופּט׳ס מיר אריין מיין טייער, זיס־לעבען, —
אפשר האָט ער א צווייטע באַקומען?

אויפ׳ן בעטעלע בין איך מיר געלעגען,
די היץ האָט אין מיר געברענט.
רופּט׳ס מיר אריין מיין טייער, זיס־לעבען, —
איך האָב איהם שוין באַלד נישט דערקענט!

ציה אויס, דושעניו, מיין האנד
ביז צו דיין עלענבויגען,
טאָמער חלילה שטארב איך אָפּ
האָטשבי פאר דיינע אויגען.

שפּאציערענס זענען מיר ביידע געגאנגען
ארום און ארום דעם שפּיטאָל.
גאָט אין הימעל ווייסט דעם אמת,
צו אונז וועלען מיר זיך נאך זעהן אמאָל.

שפּאציערענס זענען מיר ביידע געגאנגען
צווישען ווייץ און זאַנגען.
אָפּגעקושט און אָפּגעהאלזט, —
און אונז זענען מיר זיך פאנאנדער געגאנגען.

שפּאציערענס זענען מיר ביידע געגאנגען
צווישען ווייץ און קאָרן.
אלע מיינע חבר׳טארינס האָבען ליעבעס אויסגעפיהרט
און מיך האָט געטראָפען גאָט׳ס צאָרן!

(ווארשא)

34.

(מיטגעטיילט פון רחל סאסטשין)

צי געדענקסטו מיין טייער זים־לעבען,
ווען מיר האָבען צוזאמען פערבראכט? —
דיינע צוויי שווארצע אויגען,
זיי לאָזען מיך נישט שלאָפען ביי נאכט.

צי געדענקסטו מיין טייער זים־לעבען,
ווען איך האָב דיר א בריוועלע געשיקט?
קיין ענטפער האָסטו מיר געגעבען,
האָסטו דיך שוין אין א צווייטען פערליעבט?

„פערליעבט האָב איך זיך אין איינעם,
ער האָט ביי מיר גאָר נישט די ווערטה;
אַי שולדיג מאך איך דאָך ניט קיינעם,
מסתמא איז מיר פון גאָט אזוי באשערט!

(פאָדאָלער גוב.)

34 Zi gedejnkstü main tajer siss lejben.

צי געדענקסטו מיין טייער זיס לעבען



35.

— וואו ביזטו געוועזען,
מיין משה לעבען?
— אין גארטען, אין גארטען
מיט מיין רוזשע לעבען!

— וואָס האָסטו געגעסען,
מיין משה לעבען?
— א זעמעלע מיט פוטער, א זעמעלע מיט פוטער,
מיט מיין רוזשע לעבען!

— וואָס טוט דיר וועה,
מיין משה לעבען?
— אָי, ס׳קעפּעלע, אָי, ס׳קעפּעלע,
מיין רוזשע לעבען!

— אפשר שיקען נאכ׳ן פעלדשער,
מיין משה לעבען?
— אָי, א פעלדשער׳ל, אוי א פעלדשער׳ל,
מיין רוזשע לעבען!

— אפשר שיקען נאָכ׳ן דאָקטאָר,
מיין משה לעבען?
— אָי, ס׳דאקטאר׳ל, אָי, ס׳דאָקטאָר׳ל,
מיין רוזשע לעבען!

— וואָס זאל איך דיר שטעלען צו קאָפּענס,
מיין משה לעבען?
— זילבערנע לייכטער, זילבערנע לייכטער,
מיין רוזשע לעבען!

— מיט וואָס זאָל איך דיר איבערדעקן,
מיין משה לעבען?
— מיט אַ שוואַרצען מונדיר, מיט די פיס צום טיר,
מיין רוזשע לעבען!

— ווער זאָל דיר נאָכגעהן צו דער לויה,
מיין משה לעבען?
— מיין טאַטע, מיין מאַמע,
מיט מיין רוזשע לעבען!

(וואַרשאַ)

36.

אַט אַ דאָ ליעגט ער ניט ווייט אויף זיין געלעגער,
און ווייסט זיך גאַר ניט, וואָס ס'האָט זיך מיט מיר פּאַסירט.
אָך רבונו של עולם, צאָהל איהם פּאַר זיינע וועגען!
וואָס פאַר אַ תל ער האָט פון מיר געמאַכט.

אַט ווי איך האָב זיך נאַר צוויי ווערטער פון איהם געהערט,
האָב איך געוויסט, אַז די ליעבע איז אויס;
אַ שטיין האָב איך מיר געטון אַנהענגען,
און אַריינגעוואָרפען זיך אין וואַסער ברעג.

ווי איך האָב זיך נאַר אין וואַסער אַריינגעוואָרפען,
אַזוי האָט עס מיך אַנגעהויבען טרענקען;
נאָר אָן דיר, מערדער, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען,
אייביג וועל איך דיך האָבען צו געדענקען.

(קישענאָוו)

37.

עס דערקוויקט מיך דער קלימאַט
פון אַ העלער זומערדיגער נאַכט,
מיינע געדאַנקען מאַכען מיר מאַט,
ווען איך ליעג און טראַכט.
טיר און טויער זענען צו געשלאָסען,
כ'האָב צו קיינעם קיין וואָרט נישט צו ריידען;
וואָס האָסטו מיך אַזוי גיך פאַרלאָזען,
וואָס האָסטו דיך מיט מיר געטון צושיידען?

(פוילען)

38.

אוי, וועה, מאַמע,
די קעפעלע טוט מיר וועה!
איך האָב געטאָן אַ ליעבע שפּיעלען,
די ליעבע איז ניט אַזוי.

פון אַ ליעבע שפּיעלען,
שפּיעלט מען אוים די פאַרבען;
פון אַ ליעבע שפּיעלען,
קומט די צייט צו שטאַרבען.

(אוטיאַן, קאָוונער גוב.)

37 Es derkwikt mich der klimat.

עס דערקוויקט מיך דער קלימאט



39.

(מיטגעטיילט פון גיטעל פעלער)

זעה נאָר, דו גאַטעניו, וואָס דו האָסט פון מיר געמאכט,
האָסט מיך פון מיין זיס־לעבען צושייט!
האָסט מיך געטון צושיידען מיט מיין טייער זיס־לעבען —
איך פערלאנג פון דיר נישט מעהר ווי דעם טויט!

דיינע הייסע, דיינע קאַלטע טרערען,
זיי שטערען מיר מיין לעבען אָהן א שיער;
אונזער ליעבע קען מען פארגלייכען
צו א פיעדעל וואָס די סטרונעס לאָפּנעט אויף איהר.

און אז עס וועט ביי דיר, דושעניו, די תנאים זיין,
די שמחה וועט זיין דאמאלס גרויס;
דאמאָלס וועל איך ליגען אויף דעם בעטעלע דעם קראנקען
און ראנגלען זיך מיט דעם טויט.

און אז עס וועט ביי דיר, דושעניו, די האָכצייט זיין
די כלה וועט אָנטון א ווייס חופה קלייד;
דאמאָלס וועל איך ליגען אויף דעם בעטעלע דעם טויטען
די רעפערער (?) וועט שוין זיין פאַרבערייט.

און אז דו וועסט, דושעניו, דאָס ערשטע קינד געבוירען,
א נאָמען זאָלסטו געבען נאָך מיר;
דעם נאָמען דעם זיסען זאָלסטו האָבען מיט יאָהרען,
און אנדיינק זאָלסטו האָבען פון מיר.

39 Sej nor, dü Gottenu.

זעה נאר, דו גאָטעניו

Andante.



נאך א זאך, דושעניו, וועל איך דיך בעטען,
טון זאָלסטו עס מיר איין מאָל אין יאָהר:
זאָלסט קומען אויף מיין קבר, זאָלסט באטראכטען מיין געלעגער —
געשטאָרבען אזוי יונג דורך דיר.

דיין מאמע, דושעניו, וועט א שנור האָבען,
מיין מאמע א טאָכטער — נישט מעהר.
און אז זי וועט דיך דערזעהן,
וועט זי ארויסלאָזען א געוויין —
געשטאָרבען אזוי יונג דורך דיר.

40.

עס איז שוין שטיל אויף דעם בית עולם,
קיין שום בלעטעלע גיט קיין ריהר;
א זיסער שלאָף ליעגט אויף דעם עולם,
אָי, דער שלאָף קומט אויך אויף מיר!

צי געדענקסטו, מיין געטרייער,
צי געדענקסטו ווען אָן מיר?
אין מיין האַרצען ברענט א שרעקליך פייער,
ווען איך דערמאָן מיך נאָר אָן דיר.

„פאר וואָס זאל איך אָן דיר נישט געדענקען,
אז דו ליעגסט מיר אין מיין זין?
פאר וואָס זאל איך אן דיר נישט בענקען,
אז דו ביזט מיר אין די געדאנקען פול!“

(לובלינער גוב.)

40 Es is schoin still.

עס איז שוין שטיל



41.

די זון איז שוין אויפגעגאנגען
מיט איהרע ליכטיגע שטראהלען,
ניט ווייט, ניט ווייט איז שוין צו טאָג,
מיין שלאָף איז מיר שוין פארפאלען.

די זון איז שוין אויפגעגאנגען
צו בעלייכטען איהרע פרעהליכע געסט;
נאָר איך ליעג מיר און טרויער,
אזוי ווי דאס פייגעלע אין נעסט.

ס'פייגעלע זינגט מיט איהר געזאנג,
ס'ציטערט אין מיר יעדער אבר;
פון אזא ליכטיגע וועלט, —
אין אזא פינצטערען קבר!

ס'פייגעלע זינגט מיט איהר געזאנג,
עס ציטערט אין מיר יעדעס גליעד;
פון אזא ליכטיגע דירה —
אין אזא פינצטערען גרוב!

ס'וועט קומען די צייט פון דיין חתונה,
דו וועסט אָנטאָן דיין חופה־קלייד,
און איך וועל ליעגען אויף מיין בעטעל
און בּאָרען זיך מיט דעם טויט.

(אָדעס)

41 Die sün is schoin oifgegangen.

די זון איז שוין אויפגעגאנגען



42.

איך שטעה מיר און קלער, וואָס טויג מיר מיין לעבען,
אז פארוואָגעלט בין איך פון דער וועלט?
אָי, כ׳זעה פאר מיר, ווען איז מיר, מיין טייער לעבען,
אַז אונזער ליעבע איז שוין פארשטערט.

דו האָסט מיך גענאַרט אזא לאַנגע צייט,
כ׳האָב געמיינט, אז דו ביזט מיר געטריי;
איך זעה פאר מיר, ווען איז מיר, מיין טייער לעבען,
אַז אונזער ליעבע איז שוין פארביי.

הימעל און ערד זענען מיינע עדות,
אז איך געה פון דער וועלט אַוועק ריין;
אָי, ניט מעהר ווי צוליעב סודות
טוט מיר מיין יונג לעבען ענטגעהן!

דו זונן, דו לבנה, וואָס איהר האָט געלויכטען,
אין אונזער שפּאַצירען געהן,
איהרביימער, איהר סעדער, איהר וויינגערטנער
מיט פרוכטען,
אַדיע, איך זעה אייך נישט מיין!*)

*) מעהר.

42 Ich stai mir ün klär.

איך שטעה מיר און קלער



IV.
פאַרפיהרטע

1.

ס'שטאַיט זעך א שאַין מאַידעלע,
פאר איהר פוטער אין מיטער'ם טיר.
גאַיט פאַרבאַ אַ בחור'ל, א פוחאַוניקעל
און וויל שפּאַצירענם גאַין מיט איהר.
כאָהר: יאַ־יאַ!

„מאַן טאַטע האַט מאַר אונגעזוגט,
אז ער וועט מאַך שלוגען...
אז יעך וועל שפּאַצירענם גאַין מיט דיר,
וואוס וועל'ן לאַאַטען זוגען?"
כאָהר: יאַ־יאַ!

הער נאַר, די נאַריש מאַידעלע,
וואוס האָסטי מורא פאַר לאַאַטען?
אז יאַך וועל שפּאַצירענם גאַין מיט דיר,
וועלין מאַר גאַין אין די זאַאַטען".
כאָהר: יאַ־יאַ!

ער האָט זי גענימען
אויף דער סמאָטשע גאַס,
ער האט זי אראַנגעפיהרט צי יאַנקעל זאדע־וואסער
אין האָט זי דאָרט פארפאַסט...
כאָהר: יאַ־יאַ!

דום מאַידעלע האָט אונגעהויבען בעטען,
ער זאָל זי פין דארטען צינעמען;
„הער נאָר צי, די נאַריש שאַין מאַידעלע,
וואוס האסטי דיך צי שעמען?..."
כאָהר: יאַ־יאַ!

(ווארשא)

1 S'stait sech a schain maidele.

ס'שטאיט זעך א שאין מאידעלע



2.

(מיטגעטיילט פון ד. אייבראמס)

א שם האָב איך געהאַט פאַר אַ׳ן עהרליך מיידעל,
דער שם איז מיר געווען טייערער פון געלט, אָי, פון געלט!
יעצט בין איך אָרים, עלענד און באַליידיגט...
אָי, דורך דיר האָב איך פארשפיעלט מיין וועלט.

מיינט ניט, מענטשען, אז איך בין משוגע,
אָי, די זאַך איז ניט פון מיר אליין, אָי, אליין!
קיין זאַך טוט ניט געשעהן, אז גאָט זאָל עס ניט זעהן —
אָי, די זאַך איז מיר פון גאָט געשעהן.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געטראַכט, אז מיר זאָל זיין שלעכט;
כ׳האָב דערפון אפילו ניט געדאכט, אוי, גערדאַכט!
היינט זעה איך אליין, אז טרינקען מוז איך מיך געהן —
אָי, מיין טאַטע האָט מיך דערצו געבראַכט.

שפּאַצירען זענען מירביידע געגאנגען,
אין דרויסען איז געווען א ווינד און א מורה־שחורה;
אָט געהט מען פון מיין היים, אָט וועט מען מיך דערזעהן..
„אָי, דו נאַר, פאַר וועמען האָסטו מורא?“
אָט געהט מען פון מיין היים, אָט׳אָט׳ען מיך דערזעהן!
„אָי, דו נאַר, פאַר וועמען האָסטו מורא?“

(טאלנע, קיעווער גוב.)

2 A schem hob ich gehat.

א שם האָב איך געהאַט

Allegretto.



3.

איך האָב אַ מאָל אַ שם געהאַט
פאר א׳ן עהרליך מיידעלע,
דער שם איז מיר געווען טייערער ווי גאָלד!
און היינט בין איך בארעדט געווארען
דורך א פאלשען ייִנגעלע,
מסתמא האָט דאָך גאָט אזוי געוואָלט.

מקנא בין איך אַ יעדערן באזונדער,
וואָס ער ווייסט פון קיין ליעבע ניט;
עס קוילעט אָב א וועלט מיט יונגע קינדער
אָי, די ליעבע איז ניט גוט!

(קיעווער גוב.)

8 Ich hob amul a schem gehat.

איך האב אמאל א שם געהאט



4.

אַ פאַלשע האָפנונג האָב איך געהאַט,
כ'האָב געמיינט ער וועט מיך נעמען;
א פאַלשע האָפנונג האָב איך געהאַט,
אַי, געוואַלד, איך טו מיך שעמען!

ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט,
עס האָט מיך צונומען יעדער אבר.
אַך, דו ליעבע, געטרייע מוטער,
ווי קענסטו רוהען אין דיין קבר!

פאַר מיר זאָלסטו זיך מיהען,
בעט אוים אויף איהם א נקמה...
און פאַר מיר זאלסטו גאָט בעטען,
ער זאל מיר צונעמען מיין נשמה.

מיט א צווייטע כלה איז ער שפּאַציערענס געגאַנגען,
מיך טוט ביים האַרצען קלעמען, —
היינט בין איך ספּאָדלעיעט געוואָרען...
ווער וועט מיך היינט שוין נעמען!

ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט,
ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט היץ און קעלט;
ער האָט צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט...
אַי, געוואַלד, ס'אַראַ פאַלשע וועלט!

(וואַרשא)

4 A falsche hofenüng.

א פאלשע האפענונג



5.

בײ נאַכט ליעג איך אויף מײן געלעגער,
אנטשלאָפען קען איך נישט װערען;
צװעלעף שלאָגט שוין דער זײגער,
מײן בעט איז פול מיט הײסע טרערען.

הײסע טרערען טו איך גיסען,
מיט קאַלטע טו איך זײ לעשען;
א פײער ברענט אין מײנעם הערצען —
אן דיר קען איך נישט פארגעסען.

*   *
*

איך בין ארײנגעקומען צו מײנעם אַ גוטען ברודער,
צו מײנעם אַ גוטען ברודער אין שטוב;
דארטען איז געזעסען אַ שעהן מײדעלע,
האָב איך מיר אין איהר פארליעבט:

הער נאַר, דו שעהן מײדעלע, הער נאַר, דו פײן מײדעלע,
װי קומסטו דאָ אזוי צו זײן?
געדענקסטו, געדענקסטו, װען איך האָב בײ דיר
אנגעקלאַפּט,
האָסטו מיך געלאָזט ארײן?

„ארײן און ארױס האָב איך דיך געלאָזט,
אלץ אין דער גליקליכער צײט.
געדענקסטו, געדענקסטו, װען דו האָסט מיר צוגעזאגט,
אז דו װעסט מיך נעמען פאר אַ װײב?“

5 Ba nacht lieg jach of man gelejger.

ביי נאכט ליעג איך אויף מיין געלעגער



פאר א ווייב קען איך דיך נישט נעמען,
טרייסטען קען איך דיך נישט.
„געדענקסטו, ווען איך האָב דיך געבעטען:
פארפיהרען זאָלסטו מיך נישט!

דו האָסט מיך שוין פארפיהרט, דו האָסט מיך שוין פארפיהרט,
אייביג זאָל מיר זיין שלעכט...“
וואָס דו זאָגסט און וואָס דו רעדסט, מיין טייער לעבען,
ביזטו אודאי גערעכט.
„די גאנצע וועלט מענטשען האָסטו געמאכט ריידען,
און יעצט גי'סטו מיר גערעכט“.

(ווארשא)

6.

זעצט איך נאָר אנידער נעבען מיר,
אַ ליעד וועט איהר פון מיר אויסהערען;
אַי, זעצט אייך נאָר אנידער נעבען מיר,
וועט איהר פארגיסען טייכען טרערען.

אַ נייע ליעד האָב איך אויסגעקלערט,
פול מיט צרות, פול מיט שמערץ;
אַי, ווער עס האָט נאָר אין אונזער ליעבע שולד,
דער זאָל וויסען פון מיין ביטער הערץ!

כ'האָב אנגעהויבען אַ ליעבע צו פיהרען
מיט גרוים חשק און אַכאַטע;
אַי! פון אַלע וועגען האָט ער מיך אראָפּגעפיהרט
און ארייגעפיהרט אין אַ בלאָטע.

אין אַ בלאָטע האָט ער מיך ארייגעפיהרט,
איך קען שוין מעהר נישט ארויסקריכען;

6 Sezt aich nor anieder.

זעצט איך נאר אנידער

Andante.



Sezt aich nor a - nie - der nej - ben mir, A



lied wet ihr vün mir ois hej - ren: (Bis) Oi, ...



sezt aich nor a - nie - der nej - ben mir, Wet



ihr var gis - sen tai - chen trej - ren.

אַי, מײַן לעבען װעל איך מיר שוין צונעהמען,
און אַרומגעהן װעסטו מיך שוין זוכען.

און אַז דו װעסט מיך זוכען,
געפינען װעסטו מיך נישט קענען;
אַי, אויף דער װעלט װעסטו שוין נישט לאַנג זײַן,
צו מיר אויף יענער װעלט װעסטו קומען.

אַי, זיסער גאָט אין הימעל,
שיק אַן א טויט נאָר אויף מיר אַלײן!
א זיסען טויט, אַזוי װי א דרימעל,
מיט פערגעניגען װעל איך צום טויט געהן.

פאַרװאָס זאָל איך נישט װעלען צום טויט געהן?
אַי, װאָס פאַר אַן אומגליק מיך האָט געטראָפען:
פינף יאָהר האָבען מיר זיך בײדע געליעבט,
הײַנט האָט ער מיך אװעקגעװאָרפען!

ער האָט דאָך מיך אװעקגעװאָרפען
און קײנער קען מיך נישט אויפהויבען;
צו גאָט, צו גאָט אויף יענער װעלט,
װעט מען זעהן װעמען ער װעט גלויבען!

(װאַרשא)

7.

ס'האָט ברײַנדעלען אַן אומגליק געטראָפען,
אַי װעה איז איהר מאַמען אַצינד;
מען רעדט שוין אין אַלע גאַסען,
אַז ברײַנדעלע האָט שוין א קינד.

(דינאָװ, גאַליציען)

7 S'hot brandelen an ümglück getrofen.

ס'האָט ברײנדעלען אן אומגליק געטראָפען



8.

טאַכטערשי, וואָס ביזטו פאַרסמוטשעט,
וואָס געהסטו אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ?
טאַכטערשי, ווער האָט דיך דערקוטשעט,
וואָס דו ביזט פון פנים אַראָפּ?

לאָמיר אריינגעהן מיין טאַכטער צום דאָקטאר
און פרעגען איהם, וואָס דיר איז;
א רפואה׳לע וועט ער דיר פאַרשרייבען,
פאַרמער מיר שוין מיין לעבען ניש׳!

„קיין דאקטאר קען מיך נישט היילען,
„קיין רופא האָט ער אויך ניש׳;
מאַמעשי, איך וועל דיר דערצעהלען,
כ׳וועל דיר דערצעהלען, וואָס מיר איז:

איך האָב מיך פאַרליעבט אין א מערדער,
דער מערדער האָט מיר גערויבט מיין מוט,
ר׳האָט צוגעזאָגט צו זיין מיין באשערטער —
אָי, ניש׳ גוט! ניש׳ גוט!

גענומען האָט ער מיין האַנט,
געקושט האָט ער מיינע טריט;
היינט שטעהט פאר מיר אן אייזערנע וואנט —
אָי, ניש׳ גוט! ניש׳ גוט!

עס האָבען זיך געעפענט די קוואלען,
די אויגעלעך פערלאָפען מיט בלוט;
ער האָט זיך פאר מיר פארמאַסקירט —
אָי, ניש׳ גוט! ניש׳ גוט!"

(ווארשא)

8 Tochterschi, wus bistü varsmutschet.

טאָכטערשי, וואָס ביזטו פארסמוטשעט

Moderato.



9.

ביי דעם טייך דעם ברייטען
זיצט זיך אַ מיידעלע גאר אליין,
אנגעטון געהט זי אים רייכען
און זי זיצט ביים טייך און וויינט.

זי האַלט אַ קינד אויף דער האַנד,
וואס איז ערשט נישט לאנג געבוירען געווארען,
און זי גיט עם די מילך זויגען
און טרערען רינען פון איהרע אויגען.

דיין פאטער, דער מערדער,
ער האָט דיך אומזיסט אויף דער וועלט געבראכט,
דער ציגיינער, דער טאַטער,
ער האָט מיך אונגליקליך געמאכט;
דער ציגיינער, דיין פאטער,
דארטען זיצט ער און לאַכט.

איך האָב איהם געגלויבט אויף זיין עהרענוואָרט
און אויף זיינע הייליגע שבועות,
ביי מיינע עלטערן אין גארטען, דאָרט
בין איך געווען אין טעות...

אָי, גאָט, ס'הייבט שוין אן צו טאָגען,
און מענטשען קענען מיך נאָך דערזעהן,

9 Ba dejm tach.

ביי דעם טייך



זיי וועלען געווים מיינע עלטערן זאגען,
וואָס מיט מיר איז די נאַכט געשעהן.

פיש, פיש, קומט נאָר אהער!
איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען:
איך האָב אייך געבראַכט עפּעס צוטראָגען,
איהר וועט פון דעם הנאה האָבען.

אַדיע, אַדיע, מיין געליבטעס קינד!
אצינד וועסטו זינקען ביז צום גרונד,
די פיש אין וואַסער וועל'ן דיך אויפעסען —
נאר איך, דיין מוטער, וועל דיך נישט פארגעסען.

(ווארשא)

V.

ערצעהלענדע און
באלאדען־ארטיגע לידער

1.

(מיטגעטיילט פון פייגע הירשמאן)

א געשיכטע וועל איך אייך פערצעהלען,
וואָס האָט זיך מיט מיר פאסירט;
וואָס זאָל איך פאר אייך דאָ פארהיילען —
כ'האָב אויך אמאָל א ליעבע געפיהרט.

קליגע מענטשען וועלען מיר אויך נישט פערראכטען
ווען איך וועל זיי פערצעהלען מיין שמארץ;
קיין שלעכטס וועלען זיי אויף מיר נישט טראכטען,
ווען איך וועל זיי פערצעהלען מיין הארץ.

כ'האב געליעבט א יינגעלע א שעהנעם,
שעהן איז ער געווען ווי א בריליאנט,
זיין שעהנקייט, זיין קלוגהייט אינאיינעם —
מיט איהם בין איך געוועזען בעקאנט.

אויף איין באנק זענען מירביידע געזעסען,
געלעזען האָט ער מיר א ראָמאן;
ווי גליקליך וואָלט איך געוועזען,
ווען שטענדיג וואָלט אזוי זיין.

אז מען רייסט אוים א בלום פונ'ם גאָרטען
און מען פלאנצט עס אויף אן אנדער אָרט,
צי קען עס דען וואקסען דאָרטען?
צי קען עס שוין בליהען דאָרט?

אזוי איז מיר מיין הארץ אויסגעריסען,
אז בליהען קען איך שוין נישט מעהר;
טייכען טרעהרן טו איך גיסען,
אזוי ווי וואסער אין מער.

(ווארשא)

1 A geschichte wel ich aich varzailen.

א געשיכטע וועל איך אייך פארציילען



2.

אך, מענטשען, איהר מענטשען,
איך טו אייך באשווערען,
איהר זאלט פון מיין לעבען
דאָס ליעדעל אויסהערען:

אז איך בין געוועזען
א מיידעלע א קליינינקע,
בין איך געוועזען
זעהר א שעהנינקע.

אז לייט האָבען געזעהן,
אז איך בין שעהן;
האָבען אנגעהויבען שדכנים
צו מיר געהן.

זיי האָבען מיר געטון
גליקען איינריידען,
איך האָב זיי געבעטען,
זיי זאָלען מיך אויסמיידען.

נאָר אז איך בין געווארען
אכטצעהן יאהר אַלט,
דאָ האָט זיך פארביטען
מיין שעהן געשטאלט.

אז איך האָב געטון
די ליעבע דערקענען:

2 Ach, mentschen, ihr mentschen.

אך, מענטשען, איהר מענטשען



א פייער האָט געטון
מיין האַרץ פֿאַרברענען.

אז איך האָב געטון
די ליעבע דערשפּירען,
דעם גלאַנץ פון מיין פּנים
האָב איך געטון פאַרלירען.

ווען איך דערמאָן מיך,
כאַפּט מיך אַן א שרעק,
אז מיין געליעבטער
איז פון מיר אוועק.

פישעלעך אין וואסער
טוען נאָר לויפען,
ליעבע פאַר געלט
קריעגט מען נישט צו קויפען.

פישעלעך אין וואסער
טוען נאָר שווימען,
איך זוך מיין גליק
און קען איהם נישט געפינען.

(ווארשא)

3.

צי האָט איהר געהערט, וואָס עס האָט זיך געטראָפּען,
צי האָט איהר געזעהן מיט אייערע אויגען?
רויזעלע האָט זיך אין מענדלען פארליעבט
און האָט איהם פון ווייב און קינד אפּגעצויגען.

„טייערע רויזעלע, רויזעלע לעבען,
צי האָב איך דיך אפילו געוואָלט קענען!
איך האָב מיר ביי דיין טאַטען קעסט אנגעדונגען,
האָסטו געזאָגט איך זאָל דיך נעמען.

אז איך זאל דיך נעמען, רויזעלע מיין לעבען,
ווי קאַן דען אזא זאך זיין?
איך האָב אין ד׳רהיים א ווייב מיט א קינד,
אין גיהנום וועט מען מיך ניט לאָזען אריין“.

„וואָס טויג מיר דער גיהנום, מענדעלע מיין לעבען,
פאר אונז וועט דאָ זיין א גן עדן;
דיען אָפּ פּאָניען און גט דיך מיט דיין ווייב
און קום צו אונז פאר אָן איידים“.

— רויזעלע ליובע, רויזעלע מיין לעבען,
וואָס שלאָגסטו מיט א יעדען בלאָט?
מענדעל האָט א ווייב מיט אן איינציג קינד
און דערצו איז ער נאָך א סאָלדאָט.

איך האָב זיך ערשט מיט מענדלען אפּגעזעגענט,
געגעבען האָט ער מיר זיין האַנד,
געשווארען האָט ער מיר ביי זיין לעבען,
אז ביז אייביג וועלען מיר זיין באַנאַנד.

קאוואלערען און מאמזעלען, צי איז אייך דאס
געפעלען?
סע חאפט אזש אן א גרויל ביים לייב!
מענדעל האט שוין זיין ווייב ציפקע גע׳גט
און נעמט שוין רויזעלען פאר א ווייב.

(דראזשנע, פאדאלער גוב.)

4.

געבוירען בין איך אין אל׳דאס גוט׳ס,
רייך בין איך אויכעט געגוג;
וואס קומט דאס מיר אלץ צו נוץ,
אז איך קען נישט באקומען מיין גליק?

מקנא בין איך דעם ארימאן,
וואס פערדינט זיך קוים אויף זיין ברויט,
דערפאר לעבט ער, ווי ער קאן,
די ליעבע מאכט איהם נישט קיין נויט.

מיין לעבען איז ווי קויל שווארץ,
איך ווייס נישט זעלבסט פארוואס;
א שטיין טראג איך אויף מיין הארץ,
מיין פנים איז גרין ווי גראז.

— זוהנעלע לעבען, געטרייער,
וואס האסטו אין דעם מענש דערזעהן?
קענסט קריגען א כלה א רייכע,
און נישט מיט א קבצנ׳טע געהן.

— מאמעניו לעבען, געטרייע,
מאך מיר שוין מיין קאפ נישט דול,

4 Geboiren bin ich in al'des güt's.

געבוירען בין איך אין אל' דאס גוט'ס

Moderato.



לעש שוין אָפּ דאָס העלישע פייער
און גיב מיר שוין, ווען איך וויל!

מאַמעניו, לעבען, געטרייע,
מען טראָגט דיר נאָך א שנאה,
איך האָב שוין געזעהן גבירים
זענען אויף קצבה געקומען.

„געטרייסט זאָלסטו ווערען פון גאָט,
דיינע רייד זענען ביי מיר צוקער־זיס!
וואָס האָסטו ביי מיר דערזעהן?
אָרים און נאַקעט און מיאוס!“

— אך, טייערער געשעצטער בריליאַנט,
בעלייכסט מיר די גאַנצע וועלט!
איך נעם דיך פון אָרימען שטאַנד,
און פרעג מיך ביי דיר אויף קיין געלט.

כ'האָב מיך פאַרליעבט אין דיין שעהנע מינע,
ביי מיר האָסטו געקריגען גרויס חן;
די גאַנצע וועלט זאָגט: ביזט מאוס און מגונה,
ביי מיר ביזטו טייער און שעהן!

אז מען טוט דאָסביימעלע פלאַנצען,
טוט עס מיט בלעטעלאך זיך ציערען;
אזוי טוען די עלטערן פאַר שמחה טאַנצען,
אז מען טוט די קינדער צו דער חופה פיהרען.

אז גאָט שיקט אראָפּ א האָגעל א שטאַרקען,
טהוט עס דאָס ביימעלע שאַטען;
און איך בין אַצינד געבליבען,
אזוי ווי א בוים אָהן די בלאַטען.

(פוילען)

5.

אין בריסק, אין א גאנץ פיינע הויז,
מיט ווייס געפוצטע שטאַכעטען,
זיצט זיך א מיידעל, פון זעכצעהן יאהר גרויס,
און פוצט א פּאָאר מוזשעסקע שטיוועלעטען.

זי פוצט זיי אוים גאנץ שעהן
און הענגט זיי אלע מאָל העכער,
זי בעדעקט זיי מיט קושען א סך
און בעוואשט זיך מיט טרערען א טייך.

אין מיטען קומט אריין איינער
און הייבט מיט איהר אָן צו שמועסען;
אין שטוב איז ניט געווען קיינער,
זיי חאַפּען זיך ארום צו קושען.

(בריסק, גראָדנער גוב.)

6.

פייגעלע איז געווען א וואוילע מויד,
זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניש׳ געליעבט.
איינמאָל האָט זי זיך פאר׳ן טויער געשטעלט,
דאָס הארץ איז געווען איהר בעטריבט;
איז פארביי געגאנ׳ען אן אָפיציער
און האָט זיך אין איהר פארליעבט.

זי איז מיט איהם שפּאציערענס געגאנ׳ען,
זיין שווערד האָט געטון א קלונג.
אָך און וועה איז צו מיר,
איך בין דאָך א יידיש קינד!

וואָס געהסטו נישט אהיים צו דיין ווייב און קינד?
זיי וויסען דאָך נישט, וואו דו ביזט.
איך קען דאָך מיט דיר נישט חתונה האָבען,
ווייל דו ביזט א קריסט.

אין א שלעכטען וועטער צוועלפען ביי נאכט,
דאָ האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפען:
ער האָט זי פאר׳ן טויער אָפּגעווארט
און האָט זי מיט א מעסער דערשטאָכען.

זי האָט געשריען: „שוועסטער, מאך אויף,
איך בין אין א גרויסען נויט!“
און איידער די שוועסטער האָט די טיר אויפגעמאכט,
איז פייגעלע געלעגען שוין טויט.

(ווארשא)

6 Faigele s'gewesen a woile moid.

פייגעלע ז'געוועזען א וואוילע מויד



7.

(מיטגעטיילט פון ד. אייבראמס)

הערט נאָר אוים, מענטשען, וואָס האָט זיך געטראפּען
אין אָדעס, אויף דער מעסטשאַנסקי, אין א שטוב:
חיים'עניו האָט געשפּיעלט די גרויסע ראָלע
און האָט זיך אין גאָלדעניו'ן פארליעבט.

אזוי ווי חיים'עניו איז צו די עלטערן אהיים געפאהרען,
זענען די עלטערן איהם אנטקעגען געלאָפען:
„אָי, חיים'עניו, אָי, אונזער טייער, זיס קינד,
ווער האָט דיר דיין בלוט געטון פארצאָפּען?"

„מיין בלוט געטון פארצאָפען האָט מיר א מיידעל א שעהנע,
און דערצו נאָך, אָי וועה, א קלוגע;
אָי, נאָר איין גאָט ווייסט, אָי, דעם אמת,
אז דורך איהר בין איך יעצט משוגע".

אזוי זענען די עלטערן צו קהל אוועקגעלאָפען,
זיי זאלען ביי קהל אן עצה פרעגען.
אָי, ביי קהל איז די עצה, אָי, פארבליבען,
אז מען זאָל חיים'עניון אין שפּיטאָל אריינגעבען.

אזוי ווי מ'האָט חיים'עניון אין שפּיטאל אריינגעבראכט,
האָבען די דאקטוירים זיך פאר איהם דערשראָקען.
מ'האָט פאר חיים'עניו, אָי, געהייסען מאכען
א קלעטקע מיט אייזערנע גראטען.

אזוי ווי מ'האָט חיים'עניו אין דער קלעטקע אריינגעזעצט,
האָט ער אנגעהויבען צו טאַנצען און צו שפּרינגען.

7 Hejrt nor ois, mentschen.

הערט נאר אויס, מענטשען

Andante.



האַטש חיים'עניו איז געוועזען, אַי וועה, משוגע,
די ליעד פון גאָלדע פלעגט ער שטענדיג זינגען:

„הערט נאָר אויס, איהר גוטע ברידערלאך, איהר פאהרט
קיין אדעס,
טאָמער וועט איהר דאָרטען מיין גאָלדעניו זעהן,
א גרוס זאָלט איהר פון מיינטוועגען איהר איבערגעבען,
זי זאָל האַטש מיט קיין אנדערן נישט געהן".

(טולטשין, קיעווער גוב.)

8.

אַ מאַטיוו, מענטשען, וועל איך אייך זינגען,
וואָס האָט זיך געטראָפען דאָ ניט ווייט:
ס'איז דערטרונקען געוואָרען אַ בחור, אַ פער'קנס'טער,
און דערצו נאָך אַ גאַנץ גרויסער לייט.

פיעל טויזענדער מענטשען זענען שפאַציערען געגאנגען,
געגאַנגען זענען זיי אַלע גלייך;
פיעל טויזענדער מענטשען האָבען זיך די מצוה גענומען:
ארויסצוראטעווען דעם חתן פון טייך.

הימעל און ערד זענען באַצווינגען געוואָרען,
און די זון האָט זיך מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט;
ביי דעם ברעג טייך שטעהט די יונגע כלה
און זי וויינט, אַי־אַי־אַי, און זי קלאָגט!

אזוי ווי מע האָט איהם פון טייך ארויסגעצויגען,
פון די פישעלעך איז ער געוועזען צוביסען;

8 A motiv, mentschen.

א מאטיוו, מענטשען



אזוי ווי מע האָט איהם אין שטוב אריינגעבראַכט,
האָבען זיינען עלטערן די תנאים צוריסען.

אזוי ווי מען האָט איהם אויף דער טהרה־ברעט
ארויפגעלעגט,
האָט זי איהם אנגעהויבען צו האַלזען און צו קושען;
אזוי ווי מע האָט איהם פון שטוב ארויסגענומען
האָט זי אָנגעהויבען מיט טרערען צו גיסען:
„רבונו של עולם, פארגיב מיר דעם טויט,
און לאָמיך מיט איהם אין איין קבר שליסען!“

(טשימעראוויץ, פּאָד. גוב.)

9.

(וואַריאַנט)

א שווארצער וואָלקען האָט דעם הימעל באצויגען
און א רעגען איז געגאַנגען גלייך,
פּלוצים, אָי וועה, האָט זיך דערהערט א געשריי:
ראַטעוועט'ם א מענטשען פון טייך!

ווי מען האָט איהם פון טייך ארויסגעצויגען,
די הענד מיט די פיס זענען געווען צוביסען;
און ווי מע האָט איהם אויפ'ן טהרה־ברעט ארויפגעלעגט,
האָט מען די תנאים אויף שטיקלעך צוריסען.

איך אליין בין צום קבר צוגעגאנגען,
האָב איך געזעהן, ווי מע טוט מיין ברוך'לען באַשיטען,

האָב איך געבעטען ביי גאָט און ביי לייטען,
אז מען זאל מיך חאָטש לעגען פון דער ווייטען.

אָי, איך אליין בין פון קבר אוועקגעגאנגען,
בין איך אהיים געגאנגען מיט א גרויס געוויין.
אזוי שריי איך: ברוך׳ל, מיין געליעבסטער חתן!
וואָס לאָזטו מיך אליין אהיים געהן?

אָי, מוטער, מיין געליעבסטע מוטער,
ס׳איז נאָך קיין דריי טאָג, ווי איך בין מיט איהם געזעסען,
צייט מע האָט פון מיר מיין טייערען חתן צוגענומען,
אזוי קען איך נישט טרינקען און עסען!

אָי, מוטער, מיין געליעבסטע מוטער,
מיט מיינע טרערען וועל איך אלע זיבען הימלען
שפאלטען!
צייט מע האָט פון מיר מיין ברוך׳לען צוגענומען,
די צרות קען איך שוין נישט אויסהאַלטען!

אָי, מוטער, מיין געליעבסטע מוטער,
גיב מיר זיינע מלבושים, וועל איך זיי בעקלאָגען,
איך וועל זיי אוועקגעבען אָרימע ייִנגעלעך,
זיי זאָלען נאָך איהם קדיש זאָגען.

(ווארשא)

10.

איך האב געליעבט א ייִנגעלע,
איז ער געווען פון וויען;
ער איז אהיים געפֿאָהרען צו זיינע עלטערן
זעהן וואס זיי טיען.

בין איך איהם געגאנ׳ען באַלייטען
מיט א גרויס געוויין.
מיין שווער, ביטער הארץ האט מיר געטון זאָגען,
אז איך וועל איהם שוין נישט זעהן מיין.

זיץ איך מיר ביי דער ארבעט,
טוט מיר זעהר באַנג;
קומט מען מיר א בשורה זאָגען,
אז מיין טייער לעבען איז קראַנק.

געה איך מיר ארויס אין שטעדטעלע
און טו מיך אומקיקען;
פליהט אראָפּ א שיינער פויגעל
און טוט מיין הארץ דערקוויקען.

נים אזוי זיין שיינקייט,
ווי זיין הויך פליהען.
א בריוועלע האָט ער מיר אראָפּגעוואָרפען,
דאָס איז געווען פון וויען.

כ׳נעם דאָס בריוועלע אין האַנט אריין
און הויב עס אָן צו לייענען, —
ס׳פאַלט א טרויעריקייט אויף מיין הארצען,
דאָ הייב איך אָן צו וויינען.

10 Ich hob geliebt a ingele.

איך האָב געליעבט א יינגעלע

Andante.



פאר וואָס זאָל איך נישט וויינען,
אזוי ווי אויף אַ חורבן?
כ'געב אַ קוק אין די לעצטע שורה:
ער איז מיר אָפּגעשטאָרבען.

אז ער איז געשטאָרבען,
וועט מען איהם באגראָבען.
אזא טייער'ן חתן ווי כ'האָב געהאַט,
וועל איך שוין נישט האָבען.

הערט'ס נאָר אויס, אלע מיידעלעך!
קיין ליעבע איז נישט גוט צו קענען;
מ'זאָל צוזאמענעמען אלע פאלשע יינגלעך
און אויפ'ן פייער זיי פארברענען.

אויפ'ן פייער זאָל מע' זיי פארברענען
ביז אויף דראָבנע קוילען.
פינף יאהר צו פיהרען אַ ליעבע,
און נישט צו קענען פועל'ן!

(ווארשא)

11.

ווער עס וויל א טרויריגע געשיכטע הערען,
זאָל נישט אהיים געהן שלאָפען;
ווער עס וויל א טרויריגע געשיכטע הערען,
וואָס מיט די שעהנע ראָזע האָט געטראָפען.

(ווארשא)

11 Wer es wil a troirige.

וועך עם וויל א טרויריגע

Moderato.



12.

צוועלף אזייגער ביי דער נאכט,
ווען אלע מענשען שלאָפען,
טיר און טויער צוגעמאכט,
נאָר א פענסטערל איז אָפען,
א פייערל זיך ברענט,
א קראנקער ליעגט אין בעט;
דאָרט זיצען צוויי אלטע לייט
און ברעכען זיך די הענד.

אזוי ווי זיי וויינען, קלאָגען —
עפענט זיך די טיר,
קומט אריין א יונגער מאן
אין א רוסישען מונדיר.
ער האָט צו די אלטעטשקע
גאָר נישט גערעט
און איז גלייך צוגעלאָפען
צו זיין געליעבטער'ס בעט:

וואָס ביזטו אָזוי שוואך,
וואָס איז מיט דער מער?
וואָס האלסטו די אויגען פארמאכט
און גיסט דיך נישט קיין קעהר?
צי געדענקסטו אונזער ליעבע
מיט פיער יאָהר צוריק? —
עפען דיינע אויגעלעך
און גיעב אויף מיר א קיק!

(ווארשא)

12 Zwelf asaiger ba der nacht.

צוועלף אזייגער ביי דער נאכט

Moderato.



13.

עס יאָגט אַ ווינד, עס גיסט אַ רעגען,
אַ שוידער נעהמט דורך אלע ביינער;
דאָרט איז אַ מענטש אויף אַ קבר געלעגען,
אודאי אַ פריינד איינער.
ער רופט זי אָן ביי איהר נאָמען
און בעט זי אָן אַנטוואָרט צו געבען;
זי האָט איהם אין קבר געטון דערקאָנען
און פון קבר געטון ארויסשוועבען.

הער אוים מיין געוויין, פארנעם מיינע רייד,
הער אוים וואס איך וועל דיר זאָגען:
היינט אפילו, אז דו ביזט שוין טויט,
קען איך אויך די ליעבע נישט אפיאָגען.
דער טויט האָט דיך געקוילעט פאר דער צייט,
כדי איך זאָל די ליעבע לעשען;
נאָר היינט אפילו אז דו ביזט שוין טויט,
קען איך אויך די ליעבע נישט פארגעסען.

ס'איז שוין געווען צו דער חתונה נישט ווייט,
אויף אייביג פארבונדען צו ווערען;
אלץ איז שוין געווען צוגעגרייט,
די שעהנע מוזיק נאָר צו הערען.
פלוצלונג איז איהר נישט גוט געוואָרען,
איך זעה זי פער'חלש'טערהייד:
פארקירצט האָט איהר די יונגע יאהרען
דער שרעקליכער מערדער — דער טויט.

13 Es jugt a wind, es gist a rejgen.

עס יאגט א ווינד, עס גיסט א רעגען

Moderato.



אַ שווידער איז מיר דורך, דורך יעדען אבר,
אז זי האָט געטון דעם טויט געניסען;
אַ שווארצע חופה האָט מען געשטעלט אויף איהר קבר,
די תנאים אויף שטיקלעך צוריסען.
שערבעלעך, ברעטעלעך האָט מען איהר געבראכט,
איך שטעה דאָ אלײן און זעה:
אל מלא רחמים האָט מען איהר געמאכט,
דאָס איז שוין איהר לעצטער אדיע.

אדיע, אדיע, מײן טײער לעבען!
אדיע, אדיע, געליעבטע מײן!
דו מעגסט מיר אויך זיכער גלויבען,
אז גליקליך אָהן דיר קען איך שוין נישט זײן.
די לעצטע שעה איז שוין געקומען,
מיר מוזען זיך בײדע צושײדען!
מײן לעבען האָב איך מיר פארגענומען
צו פארברײנגען אין פײן און אין לײדען.

(ווארשא)

14.

„ערט'ס אוים, מײנע גוטע ברידער אלע,
דעם סוד, וואָס איך בין אײך מגלה:
כ'האָב ארומגערײזט די גאנצע וועלט
און צוריק געקומען צו מײן כלה.

(ווארשא)

15.

(וואַריאַנט)

תערטס נאָר אוים, גוטע ברידער אלע,
מיין איינציגען סוד בין איך אייך מגלה,
א סוד, א סוד, וואָס ווייס נישט קיינער,
וואָס ציהט מיר ארוים די מארך פון די ביינער.

(ברעסט ליטאָווסק)

16.

דו צוברעכסט מיר מיין האַרץ, מיין גילדערנע מוטער,
דו צוברעכסט מיר מיין האַרץ ווי א שאַרבען;
ווען דו וועסט מיר נישט געבען פייגעלען פאַר א ווייב,
יונגערהייד וועל איך שטאַרבען.

— יונגערהייד זאָלסטו שטאַרבען,
יונגערהייד וועט מען דיך באַגראָבען;
פייגעלען פאַר א ווייב וועל איך דיר נישט געבען,
פייגעלען וועסטו נישט האָבען.

— מאַמע לעבען, קרוינע לעבען,
אַ מת וועסטו האָבען אין דיין שטוב,
אז דו וועסט מיר נישט געבען די גילדערנע פייגעלע,
די וואָס איך האָב זי ליעב.

— אֵי, לייבע לעבען, קרוינע לעבען,
אַ מת זאָל איך האָבען אין מיין שטוב;
פייגעלען פאַר א ווייב וועל איך דיר נישט געבען,
די וואָס דו האָסט זי ליעב.

— לייבע לעבען, קרוינע לעבען,
לאָמיר ביידע פאהרען קיין וויען;
דאס שעהנסטע מיידעלע, וואָס דו וועסט דיר אויסקלייבען
א שידוך וועל איך מיט דיר טון.

אֵי, מאַמע לעבען, אֵי, קרוינע לעבען,
איך בין שוין געוועזן אין וויען,
דאס שעהנסטע מיידעלע וועל איך נישט נעמען,
איך וועל נישט קיין שידוך טון.

16 # Dü zübrechst mir main harz.

דו צוברעכסט מיר מיין הארץ



אזוי ווי לייבעלע האָט דאָס דערהערט
איז ער צו פייגעלען געלאָפען:
„אױ, פייגעלע־לעבען, קרוינע לעבען,
אַן אונגליק האָט אונז געטראָפען!

אַטיעז, אַטיעז, מיין גילדענע פייגעלע,
ס'איז שוין דאָס לעצטע מאָל!"
האָט זי אנגעהויבען צו גיסען מיט טרערען,
גאָר אָהן א צאָהל.

אזוי ווי לייבעלע איז אין שטוב אריינגעקומען:
„אך, מאַמע לעבען, גיב מיר עפּעס עסען!
דער דאָקטאר פון וויען האָט מיר פארשריעבען אַ מעדיצין
איך זאל שוין אַן פייגעלען פארגעסען..."

— לייבע־לעבען, קרוינע לעבען,
כ'האָב דיר מורא צו געבען עסען;
פייגעלע איז א גולם, פייגעלע איז א תם,
דו זאָלסט נישט אריינטאן קיין סם!

אזוי ווי לייבעלע האָט דעם לעפעל צום מויל גענומען,
האָט ער פערגלייסט מיט די אויגען;
אזוי ווי פייגעלע איז דאָס געוואהר געוואָרען,
איז זי צו לייבעלען געלאָפען,
האָט זי איהם מיט די פיס צו דער טיר געטראפען.

„אך, מענטשען, איהר מענטשען, איהר אלע מענטשען,
זעהט'ס נאָר וואָס א מוטער האָט געמאכט!
פיעל נפשות וואָלט פון אונז ארויסגעקומען,
האָט זי זיי פון דער וועלט געבראַכט.

אך, מענטשען, איהר מענטשען, איהר אלע מענטשען,
זעהט'ס נאָר ווער דאָ ליעגט טויט!

א חאלבע וועלט מענטשען טו איך צושווערען,
אז איך וועל בלייבען א מויד."

— פייגעלע לעבען, קרוינע לעבען,
קום ארייך, וועל איך דיר געבען עפעס צו עסען;
א מאמע וועל איך זיין און קינדער וועל איך האבען
און אן מיין לייבעלען וועל איך נישט פארגעסען.

* *
*

„איך וואלט שוין גערן, עס זאל זיין אין דער פריה,
כ'זאל מיר שטעלען ביי די פענצטער;
אלע יינגלעך געהען פארביי —
מיין לייבעלע איז געוועזן דער שענסטער!

איך וואלט שוין גערן, עס זאל זיין פארנאכט,
איך זאל מיך שטעלען ביי דער טיר;
אלע יינגעלעך געהען פון דער ארבעט —
מיין לייבעלע איז נישטא ביי מיר!

עס איז ארויסגעקומען א נייע מאדע,
איך האב מיר געמאכט א קלייד;
פארשאלטען זאל ווערען יענער מענטש,
וואס האט אונז ביידען צושיידט!

דריי, פיער יאהר האבען מיר א ליעבע געפיהרט,
מיר האבען זיך געלעבט בשלום;
דאס גאנצע טרייסט וואלט מיר נאך געוועז,
איך זאל איהם כאטש זעהן אין חלום!"

(ווארשא)